בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ״ק מרן אדמו״ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה״ה

**אבדק״ק סאטמאר יע״א**

**וגאב״ד עיה״ק ירושלים תובב״א**

## סעודה שלישית

## ויחי תשכ״ז (חלק ב)

**דרוש התעוררות מוסר לימי השובבי״ם**

### לָמָּה פַּרְשָׁה זוֹ סְתוּמָה

• ביאור כל הפשטים בטעם הסתימה • בימי יעקב כבר היו ס׳ רבוא, ויצאו ממצרים רק ס׳ רבוא • למה באר״י לא נתרבו כמו במצרים • בתוך רִיבּוּי עָם, בהכרח שיהיו מעורבים בהם גם נשמות לא טובות • הפשוטי עם בימי יעקב חיו בתענוג ונחת, הבני עלייה היו בצער ממה שראו את העתיד לבוא, אבל יעקב עצמו קַיֵּים בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין, שראה גם התכלית • הגרים שבימי האבות לא רצו לירד למצרים ולקבל עול הגלות, ולכן נטמעו • כשמקיימין וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד, נתקיים לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ • גודל השפעת היראה כשראו צורת יעקב • יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת, ונמצא עמנו בגלות, ובזכותו נזכה להגאולה •

**נעתקו בלשון אידיש**

## בהוספת ביאורים והערות

**להבנת הענין**

שנת תשפ״ד לפ״ק



KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright
צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

לשון קדשו - קונטרס **רסד**-ב

(**38** מינוט מתוך **64**) **זייער קלאָר** ★★★★★

**לשון קדשו:**
***929-522-1515***

ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**

דרוק **1** דערנאך ***959*** צו הערן די **רעקארדינגס**.
פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**2 .1227←1←16**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **שרגא רפאל מנחם הכהן ברעכער** הי״ו
לנישואי בנו החתן **נחמן** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **יוסף גאלדמאן** הי״ו

הר״ר **יחיאל מיכל אהרן קאהן** הי״ו
לנישואי בנו החתן **אברהם יעקב** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **שלום יוסף סאנדער** הי״ו

הר״ר **יואל ראזענבוים** הי״ו (ב״ר אברהם יעקב נ״י)
לאירוסי בתו - עב״ג החתן **אליהו** נ״י
בן הר״ר **אברהם נתן נטע כ״ץ** הי״ו

**זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, ויעזור השי״ת שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די**

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ח משרידי דור הישן, ירא ושלם, נקי כפים, לא מחזיק טיבותא לנפשי', תלמיד נאמן מרביה״ק זי״ע מעיר סאטמאר
מרת **חיים אריה** ז״ל **קארפען**
ב״ר **יצחק** ז״ל
נפטר י״ז טבת תשפ״ב

הרה״ח הישיש, הרביץ תורה ברבים קרוב ליובל שנים, תלמיד מובהק להגה״ק בעל אמרי יהודא מסעקעלהיד זצ״ל
רבי **אליעזר דוב** ב״ר יעקב ז״ל **דייטש**
נפטר ט״ז טבת תשס״ח
וזוגתו מרת **לאה** ע״ה בן הרה״ג רבי **יהודה** ז״ל
נפטרה ד׳ אדר א׳ תשע״ט

הרה״ח הרבני הנכבד, איש תם וישר ירא אלקים, שקד מנעוריו בהתמדה רבה על דלתי התורה, דבוק במסורת אבותיו ורבותיו
רבי **נחום יהודה** ז״ל **פריעד**
ב״ר **יעקב** ז״ל
נפטר י״ט טבת תשס״ט

הרה״ח מרביץ תורה לעדרים מ״ה שנים, זהיר במורא מקדש, וכיבד את ה׳ מגרונו, מצות ה׳ עשה בשמחה והתלהבות, גוו נתן למכים בעיה״ק ירושלים למען קדושת השבת
מוה״ר **יצחק חיים** ז״ל **ביקעל**
בן רבי **יוסף אליהו** ז״ל
נפטר י״ט טבת תשע״ז

הרב החסיד, אהוב על הבריות, גבאי צדקה לטובת עניי ארץ ישראל ולומדי תורה, דבק עצמו בתורת רביה״ק זי״ע וזכה להדפיס חידושי תורתו בארץ ישראל
רבי **משה אפרים** ז״ל **הערשקאוויטש**
בן מוה״ר **אריה** ז״ל - נפטר כ״ד טבת תשע״ד

האשה החשובה הישישה, בעלת מדות טובות להפליא, עסקה בצדקה וחסד, גידלה צאצאיה בדרך התורה באמונה טהורה ובדרכי הצניעות ויראת שמים
מרת **יוטא** ע״ה ב״ר **נחום** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **יהוסף שווארץ** ז״ל
נפטרה י״ח טבת תש״ע

קרן חיה רויזא

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב

ב׳ פְּשָׁטִים שברש״י בטעם הסתימה שבפרשה זו.

א] דכשנפטר יעקב נסתמו עיניהם ולבם מצרת השעבוד. ב] שביקש יעקב לגלות את הקץ ונסתם ממנו

**וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וגו׳.**

**זאָגט רש״י[א], לָמָּה פַּרְשָׁה זוּ סְתוּמָה, לפי שכשמת יעקב נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, מִצָּרַת הַשִּׁעְבּוּד שהתחילו לשעבדם.**

**דבר אחר, ביקש יעקב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ, ונסתלקה ממנו שכינה[ב].**

**אַזוי זאָגט רש״י, די צוויי פְּשָׁטִים.**

ב

### קושיא א

לפשט הראשון קשה דמבואר במקום אחר, שלא התחיל השעבוד כל זמן שהיה א׳ מן השבטים קיים, ובפרט כשיוסף היה חי

**א) נאָר די קוּשְׁיָא איז דאָך עֲצוּמָה, פרעגט מען דאָך די קַשְׁיָא[ג], ס׳קען דאָך נישט זיין** [שכשמת יעקב התחיל השעבוד, דהלא אמרו חכז״ל][ד] **כל זמן שאחד מן השבטים קיים איז דאָך נישט געווען קיין שִׁעְבּוּד.**

**ובפרט ווילאַנג יוֹסֵף הַצַּדִּיק איז געווען[ה]** [בעולם, וואָס] **ער איז דאָך געווען מֶלֶךְ, שטייט דאָך אויך אַרויס אַזוי אין מדרש[ו], אַז ווילאַנג ער איז געווען** [לא היה שעבוד].

ג

### קושיא ב

ובמדרש איתא עוד טעם על הסתימה, מפני שֶׁסָּתַם ממנו כל צרות שבעולם

**אין מדרש רבה איז דאָ נאָך אַ פְּשַׁט[ז]. דבר אחר לָמָּה פַּרְשָׁה זוּ סְתוּמָה, שֶׁסָּתַם ממנו כל צרה** [שבעולם], **שנסתמו ממנו כל הצרות.**

---

[א] **ברש״י** (מז, כח)**: וַיְחִי יַעֲקֹב. למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם. דבר אחר, שביקש לגלות את הקץ לבניו, ונסתם ממנו.**

[ב] מלשון רש״י להלן (מט, א)**: וְאַגִּידָה לָכֶם** [אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים]. **ביקש לגלות את הקץ, ונסתלקה ממנו שכינה, והתחיל אומר דברים אחרים.**

[ג] **בדעת זקנים לבעלי התוספות, ובפי׳ הרא״ם, ושאר מפרשים.**

[ד] **בסדר עולם** (פרק ג)**: יוסף מת בן ק״י שנה, אין לך בכל השבטים שקצר ימים פחות מיוסף, ואין לך בכל השבטים שהאריך ימים יותר מִלֵּוִי, וכל זמן שהיה לֵוִי קיים לא נשתעבדו ישראל למצרים, שנאמר** (שמות א, ו-ח) **וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ וגו׳, ומשמת לֵוִי התחילו המצרים לשעבדם.**

**וברש״י וארא** (ו, טז)**: וּשְׁנֵי חַיֵּי לֵוִי וגו׳. למה נמנו שנותיו של לוי, להודיע כמה ימי השעבוד, שכל זמן שאחד מן השבטים קיים לא היה שעבוד, שנאמר וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו, ואחר כך ויקם מלך חדש, ולוי האריך ימים על כולם.**

[ה] **ויוסף הצדיק נסתלק נ״ד שנים לאחר הסתלקותו של יעקב אבינו, כי כשבא יעקב למצרים היה יוסף בן ל״ט שנים, וכשנסתלק יעקב לאחר י״ז שנים היה יוסף בן נ״ו, ויוסף נסתלק בן ק״י.**

[ו] **בשמות רבה** (א, ד)**:** [וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל] **הַבָּאִים מִצְרָיְמָה** (א, א)**. וכי היום באים, והלא ימים רבים היו להם שבאו למצרים. אלא כל זמן שיוסף היה קיים, לא היה להם מַשּׂוֹי של מצריים, מת יוסף נתנו עליהם מַשּׂוֹי, לפיכך כתיב ״הַבָּאִים״, כאילו אותו יום נכנסו למצרים.**

[ז] **בבראשית רבה** (צו, א)**: וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם. למה פרשה זו סתומה מכל הפרשיות של תורה, אלא כיון שנפטר אבינו יעקב התחילה שעבוד מצרים על ישראל. דבר אחר למה הוא סתומה, מפני שבקש יעקב אבינו לגלות את הקץ ונסתם ממנו. דבר אחר למה היא סתומה, מפני שֶׁסָּתַם ממנו כל צרות שבעולם.** [פירש במתנות כהונה: מיעקב אבינו נשכח כל צרה בהיותו במצרים, וכדאיתא בספר הזוהר (בפרשתן דף רטז:) שאלו י״ז שנה היה עיקר חייו בלא צרה].

KolSatmar.com

ד

**ויש להבין הכוונה בזה, דהלא יעקב ראה כל הצרות שעתידין לבוא על ישראל, וכמו שכבר אמר בפרשת מקץ מענין חורבן ראשון ושני**

ב) לכאורה [דעם פְּשַׁט] ברויך מען אויך פאַרשטיין, [שהלא] די אַלע זאַכן האָט ער דאָך געזען וואָס ס'וועט זיך טון, ער האָט דאָך געזען אפילו דעם חורבן שֵׁנִי, [ועל זה אמר] כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי שָׁכָלְתִּי (מקץ מג, יד), ער האָט נאָך באַפוילן [צו זאָגן] פאַר יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אין יענע וואָכעדיגע סדרה [בפרשת מקץ], אַזוי ווי דער **מדרש** זאָגט דאָרטן[ח]. [ובפרשת ויגש כתיב (מה, יד) כי] יוֹסֵף בָּכָה עַל צַוָּארָיו פון ברודער [בנימין], זאָגט דאָך אויך **רש"י**[ט] [שבכה] אויפן חורבן בֵּית שִׁילֹה, און חורבן בָּתֵּי מִקְדָּשׁוֹת.

[ואם כן צריך ביאור] וואָס טייטש **שנסתמו ממנו כל הצרות.**

ה

**קושיא ג**

**וגם דפשט זה היא סתירה הפשטים האחרים, שנסתמו עיניהם ולבם מהצרות, ושנסתם ממנו קץ הגאולה**

ג) און ס'איז גראָד פאַרקערט [ווי די פריערדיגע פְּשָׁטִים. שהרי] לויט די פריערדיגע פְּשָׁטִים ווייזט די סְתִימָה אויף צָרוֹת, און דאָ ווייזט גאָר די סְתִימָה פונקט פאַרקערט [שנסתמו ממנו הצרות], לויט דעם פְּשַׁט.

ו

**קושיא ד**

**ובזוהר הק' מחלק פְּשַׁט הראשון שברש"י לשני פירושים, דרבי יעקב אומר שנסתמו עיניהם ולבם, ורבי יהודה אומר לפי שהתחיל השעבוד**

**דער זוהר הקדוש** זאָגט די זעלבע זאַך, [נאָר] אַביסל אויף אַן אַנדערע בחינה.

דאָ דעס וואָס **רש"י** זאָגט דאָ[א] **נסתמו עיניהם ולבם מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם**, דעס לשון **'המדרש'**, אין **זוהר הקדוש** דעס אַליין צוטיילט ער אין צווייען.

**לָמָּה פַּרְשָׁה זוֹ סְתוּמָה**, זאָגט דער **זוהר הקדוש**[י]. **רבי יעקב** זאָגט, **משמת יעקב נסתמו עיניהם ולבם של ישראל**, און ער זאָגט נישט [פון] וואָס. [און] **רבי יהודה** זאָגט עפּעס אַנדערש, **רבי יהודה** זאָגט **מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם.**

ז

**וצריך להבין ממה נסתמו עיניהם ולבם לפירושו של רבי יעקב בזוהר**

ד) איז דאָס גאָר צוויי זאַכן. דער **נסתמו עיניהם ולבם**, מיט דעם **צרת השעבוד** [שכתבם רש"י בחדא מחתא, הרי בזוהר הק' נמצא כי] דאָס איז צוויי [אַנדערע] מאן דאומרים.

---

[ח] בבראשית רבה (צב, ג): ר' יאשיה בן לוי פתר קרא (מקץ מג, יד) בגליות, וְקֵל שַׁ-דַּ"י יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים וכו', וַאֲנִי כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי, בחורבן ראשון, שָׁכָלְתִּי, בחורבן שני. כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי בחורבן ראשון ובשני, לא אשכל עוד.

[ט] ברש"י ויגש (מה, יד): וַיִּפֹּל עַל צַוְּארֵי בִנְיָמִן אָחִיו וַיֵּבְךְּ. על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימין, וסופן ליחרב: וּבִנְיָמִן בָּכָה עַל צַוָּארָיו. על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף, וסופו ליחרב.

[י] בזוהר הק' (בפרשתן דף רטז:): וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, אַמַּאי פַּרְשָׁתָא דָא סְתִימָא. רַבִּי יַעֲקֹב אָמַר, בְּשַׁעְתָּא דְּמִית יַעֲקֹב, אִסְתִּימוּ עֵינֵיהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל. ○ רַבִּי יְהוּדָה אָמַר, דִּכְדֵין נָחֲתוּ לְגָלוּתָא, וְאִשְׁתַּעְבִּידוּ בְּהוֹן.

רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר, מַה כְּתִיב לְעֵילָא, וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, וּכְתִיב וַיְחִי יַעֲקֹב, דְּלָא אִתְחֲזֵי לְאַפְרְשָׁא בֵּין דָּא לְדָא. מַה אִינּוּן קַיְימֵי בְּתַפְנוּקִין דְּמַלְכִין, וְקַבִּילוּ עִנּוּגָא וְכִסּוּפִין לְגַרְמַיְיהוּ. אוּף יַעֲקֹב נַמֵּי קַיֵּים בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין, בְּעִנּוּגָא וְכִסּוּפָא לְגַרְמֵיהּ. לָא אִתְפְּרַשׁ דָּא מִן דָּא. ○ וְהָכָא אִקְרֵי וַיְחִי, דְּהָא כָּל יוֹמוֹי לָא אִקְרֵי וַיְחִי, בְּגִין דְּכָל יוֹמוֹי בְּצַעֲרָא הֲווּ, בְּצַעֲרָא אִשְׁתַּכְּחָן, עֲלֵיהּ כְּתִיב (איוב ג, כו) לֹא שָׁלַוְתִּי וְלֹא שָׁקַטְתִּי וְלֹא נָחְתִּי וַיָּבֹא רֹגֶז. בָּתַר דְּנָחַת לְמִצְרַיִם אִקְרֵי וַיְחִי, חָמָא לִבְרֵיהּ מַלְכָּא, חָמָא לְכָל בְּנוֹי זַכָּאִין צַדִּיקִין, וְכֻלְּהוּ בְּתַעֲנוּגֵי וְתַפְנוּקֵי עָלְמָא, וְהוּא יָתִיב בֵּינַיְהוּ כַּחֲמַר טַב דְּיָתִיב עַל דּוּרְדַּיֵּיהּ, כְּדֵין אִקְרֵי וַיְחִי יַעֲקֹב. וְלָא פָּרִישׁ בֵּין וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, לְוַיְחִי יַעֲקֹב, וְהָכִי אִתְחֲזֵי וכו' [עיי"ש עוד]. ○ תָּנָא, כָּל אִינּוּן שְׁנִין, שְׁכִינְתָּא יְקָרָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, עִמֵּיהּ אִשְׁתַּכְּחָא, וּבְגִין כָּךְ חַיִּים אִקְרוּן.

KolSatmar.com

[וצריך להבין ממה נסתמו עיניהם ולבם לפירושו של רבי יעקב בזוהר].

ח

והמפרשים פירשו דהכוונה לרבי יעקב, על שנסתמו מהם מעיינות החכמה, וצריך עוד ביאור להבין הכוונה בזה

זיי פלאָגן זיך [אין] דעם פְּשַׁט [לבאר כוונת רבי יעקב, וכתבו[יא] כי] **נסתמו עיניהם ולבם** מיינט מען [אויף] די הַשְׁפָּעַת הַחָכְמָה וואָס איז געווען ווילאַנג יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט מְגַלֶּה געווען, אויף דעם גייט אַרויף דער **נסתמו עיניהם ולבם**, נישט **פונעם שעבוד**.

און רבי יהודה זאָגט [שנסתמו עיניהם ולבם] **פונעם שעבוד**.

ט

קושיא ה

ועוד יש פְּשַׁט ג' בזוהר, דרבי שמעון דהסתימה הוא כדי להקיש הפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב, להפסוק שבסוף פרשת ויגש וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד. מַה אִינוּן קַיְימֵי בְּתַפְנוּקִין דְּמַלְכִין, גַּם יַעֲקֹב נַמֵי קַיֵּים בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין

און **רבי שמעון** זאָגט' עפּעס אַנדערש גאָר [בזוהר], אַ דריטן פְּשַׁט.

[אַז] איבערדעם איז עס אַ סְתוּמָה, ווייל דעס איז מְחוּבָּר [לפרשה שלמעלה], דעס ברויך צו זיין מְחוּבָּר דער **וַיְחִי יַעֲקֹב** מיט דעם **וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**.

י

זאָגט ער, ער איז געקומען קיין מִצְרַיִם [והיה שם] **בְּתַפְנוּקִין דְּמַלְכִין**.

[שהרי] כָּל יְמֵי חַיָּיו איז ער געווען, האָט ער געהאַט מָלֵא צָרוֹת, פון יוֹסֵף און פון דִּינָה[יב], רעכנט ער אויס די אַלע פאַרשידענע צָרוֹת, מיט עֵשָׂו מיט לָבָן.

און אַצינדערט איז ער געזעסן [בשלוה ומנוחה], איז געווען **וַיְחִי יַעֲקֹב**, דאָס איז געווען דאָס רעכטע חַיּוּת, [וכדכתיב] **וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם** (ויגש מה, כז), מיט **הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה**[יג]. ער האָט זיך דערזען ער איז געזעסן בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, און דער זון [יוסף] איז אַ מֶלֶךְ, און ער האָט געזען דעם רִבּוּי עָם וואָס איז אַרויסגעגאַנגען [פון אים], רִבּוּי בָּנָיו [וכדכתיב בסוף ויגש] **וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**. דעס איז געווען די טעג פון **חַיּוּת**.

איבערדעם איז דאָס מקושר **וַיְחִי יַעֲקֹב** מיטן **וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**. זאָגט ער, דאָרט דאַרף נישט זיין קיין הֶפְסֵק, [נאָר] מ'זאָל וויסן מַה אֵלּוּ זענען געווען **בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין**, איז ער אויך אַזוי געווען.

אַזוי זאָגט **רבי שמעון**, אַן אַנדערער טַעַם, [אַז] איבערדעם איז עס אַ סְתוּמָה.

יא

דער פְּשַׁט פון די סְתִימָה איז דאָך אַז ס'איז נישטאָ קיין הֶפְסֵק [בין פרשת ויגש לפרשת ויחי]. אין יעדע פַּרְשָׁה איז דאָך דאָ אַ הֶפְסֵק [פרשה בספר תורה], אַ **פְּתוּחָה** אָדער אַ **סְתוּמָה**[יד], און דעס ביים **וַיְחִי יַעֲקֹב** [לאחר שנאמר בסוף ויגש] **וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**

---

[יא] כן מובא בניצוצי אורות להחיד"א הנדפס בגליון הזוהר שם [על דברי רבי יעקב] וז"ל: **ומפרשים על עסק התורה, שנסתמו מישראל מעיינות החכמה שהיה מְגַלֶּה יעקב.**

[יב] כמובא ברש"י מקץ (מג, יד): וְקֵל שַׁ-דַּ"י [יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים]. שֶׁדַּי בנתינת רחמיו, וכדי היכולת בידו ליתן, יתן לכם רחמים זהו פשוטו. ומדרשו (תנחומא מקץ סימן י. ובראשית רבה צב, א), מי שאמר לעולם דַּי, יאמר דַּי לצרותי, שלא שָׁקַטְתִּי מנעורי, צרת לבן, צרת עשו, צרת רחל, צרת דינה, צרת יוסף, צרת שמעון, צרת בנימין.

[יג] וכמובא גם ברש"י (ויגש מה, כז): וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב. שרתה עליו שכינה שפירשה ממנו.

[יד] פרשה פתוחה הוא שיש הפסק ריוח עד סוף השורה, והפרשה השנייה מתחיל בשורה חדשה. ופרשה סתומה היא שיש הפסק ריוח ט' אותיות, והפרשה השנייה מתחיל בסוף אותה שורה עצמה.

KolSatmar.com

**זענען זיי מְקוּבָּל געווען אַז דאָרט האָט געברויכט צו זיין אַן אַנדערע פַּרְשָׁה** [כי גם כל הפסק הסדרות מקובלים הם][טו]**, נאָר ס'איז געווען פאַר אַ טַעַם** [מה שפרשה זו סתומה לגמרי מבלי שום הפסק, וועגן] **דער קִישׁוּר פון די צוויי פַּרְשִׁיּוֹת** [ויגש עם ויחי].

יב

[ועל כל פנים] **זאָגט דער זוהר הקדוש, רבי שמעון'ס טַעַם** [בהסתימה] **איז,** [ווייל] **ס'האָט געברויכט צו זיין** [מקושר לפרשת ויגש, להורות] **ווייל דעס איז אַזוי ווי דעס.**

יג

ויש להבין מה נתחדש על ידי ההיקש, והלא בפסוק זה עצמו נאמר וַיְחִי יַעֲקֹב, שהיה חי בחיי נחת, וכדמסיק שם בזוהר

**ה)** [אמנם יש להבין] **לכאורה וואָס איז עפּעס דעס אַזוי ווי דעס, וואָס איז דער הֶיקֵשׁ** [לאיזה צורך הוא, שהרי לכאורה]**, וואָס איז מער געדרינגען פון דעם** [מהפסוק ויפרו וירבו מאוד] **ווי פון דעם** [מהפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב, והלא גם] **דאָ שטייט** [אַרויס] **וַיְחִי יַעֲקֹב, מֵהֵיכֵי תֵּיתֵי** [שלא לפרש כן בהפסוק עצמו, ולמה הוצרך להקיש] **אַזוי ווי זיי זענען געווען בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין, פאַרוואָס האָט ער נישט געזאָלט זיין די זעלבע.**

**ס'איז דאָך די זעלבע זאַך** [נשמע מזה הפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב עצמו. שהרי] **דאָס איז דאָך געווען זיין חַיּוּת** [אַז] **ער האָט געזען צֶאֱצָאָיו וְיוֹצְאֵי חֲלָצָיו,** [אַזוי ווי] **דער בורא כל עולמים האָט אים מַבְטִיחַ געווען וְשָׂם אֲשִׂימְךָ לְגוֹי גָּדוֹל,** [כדכתיב] (ויגש מו, ג) **אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם,** [און] **ער האָט דאָס געזען** [ווי] **ער איז געוואָרן אַ גוֹי גָּדוֹל.**

**ער איז נישט נִסְתַּלֵּק געוואָרן - זאָגט דער מדרש אַ מאמר[טז] - ביז ער האָט נישט געזען שִׁשִּׁים רִבּוֹא מִיִּשְׂרָאֵל.**

יד

**ס'איז אפשר כְּעֵין דער זעלבער פְּשַׁט פונעם מדרש[ז]** (דלעיל באות ג) **שנסתם ממנו כל צרה. ער זאָגט נישט אַרויס** [במדרש] **אַז דאָס איז דער מְכֻוָּן,** [אָבער] **אפשר איז דאָס** [דברי רבי שמעון בזוהר] **אַ שטיקל בִּיאוּר אויף דעם** [על דברי המדרש]**, פאַרוואָס דאָס איז אַ סְתוּמָה לפי שנסתם ממנו כל צרה, כדי מ'זאָל צוגלייכן** [לפרשה שלמעלה]**, אַזוי ווי וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, אַזוי ווי די, אַזוי איז די אויך בְּתַפְנוּקֵי דְמַלְכִין.**

טו

**אָבער פונדעסטוועגן פאַרשטיין ברויך מען דאָס ענין, וואָס דאַרף ער עס צוגלייכן דעס צו דעם, מֵהֵיכֵי תֵּיתֵי** [זאָל איך זאָגן] **איז דאָס אַנדערש, וואָס שטייט דאָ**

---

[טו] וז"ל המזרחי בריש פרשתן: למה פרשה זו סתומה וכו'. אינו רוצה לומר למה היא פסקא סתומה ולא פתוחה וכו'. אלא הכי פירושא, למה פרשה זו סתומה בלתי שום ריוח כלל, וקראה בשם פרשה, אף על פי שאין כאן ריוח כלל, מפני שעזרא ע"ה לא תקן תחלת הפרשה הזאת מן ויחי יעקב אלא מפני שהיה מקובל אצלו שראוי להיות שם פסקא, אלא שה' גזר שלא יעשו אותה, ומפני זה שָׁאֲלוּ הסבה, ואמרו למה פרשה זו סתומה.

ובגור אריה שם: אף על גב שכמה פרשיות סתומות, אינו מקשה רק בפרשה הזאת, לפי שהיא סתומה מכל וכל, שאין לה הפסק כמו שאר פרשיות סתומות. שהחלוק בין סתומות ובין פתוחות, שהסתומה היא מַתְחֶלֶת באותה שורה עצמה שמסיים בה הפרשה שלפניה, רק שמניח שיעור ט' אותיות, ופרשה פתוחה אינה מתחלת באותה שורה, אבל פרשה זו סתומה מכל וכל, ואין הפסק לה רק כמו סוף פסוק. ○ ואין להקשות, אחר שאין לה ריוח כלל, שמא אינה פרשה בפני עצמה, והיא פרשה אחת עם פרשה שלפניה. שהפרשיות איזו סתומה ואיזו פתוחה, הוא קבלה בידינו מעזרא הסופר, שהיה סופר מהיר בתורת משה, ופרשיות אלו אחר שמחלקין אותם לשתי פרשיות אם כן על כרחך היא קבלה בידינו.

[טז] בבראשית רבה (עט, א): אמר רבי יודן, לא נפטר אבינו יעקב מן העולם, עד שראה שִׁשִּׁים רִבּוֹא מבני בניו.

KolSatmar.com

[בסוף ויגש] מער ווי אין דעם [בריש ויחי], דאָ שטייט וַיְחִי יַעֲקֹב און דאָ שטייט וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, וואָס ווייס איך דאָ מער ווי דאָ, אַז ס'דאַרף צו זיין וועגן דעם אַ סְתוּמָה [כדי] איך זאָל עס אַרויסלערנען איינס פון דאָס אַנדערע, איך זאָל עס צוגלייכן.

טז

**קושיא ו-ז**

לפשט הראשון שברש"י, לפי שכשמת יעקב נסתמו עיניהם ולבם, קשה למה הועמד רמז הסתימה אצל ויחי יעקב, ולא בפסוקים דמיירי ממיתת יעקב

פון די האַרבסטע קַשְׁיוֹת איז נאָך, וואָס זיי פרעגן אַלע.

ו) לויט די טַעֲמִים, די ערשטע [פְּשַׁט אין רש"י], ווייל **משמת יעקב נסתמו עיניהם ולבם מצרת השעבוד**, ווי רש"י זאָגט. און [לויט] די ביידע [פְּשָׁטִים שבזוהר] **לויט רבי יַעֲקֹב'ן** און **לויט רבי יהודה'ן**. [הרי] דאָס אַלעס איז דאָך געווען **משמת יעקב**, נו [אם כן] וואו קומט די סְתִימָה **דאָ אַהער** [אצל הפסוק 'וַיְחִי' יַעֲקֹב]. די סְתִימָה העט געדאַרפט שטיין [נרמז] דאָרטן וואו ס'שטייט **מִיתַת יַעֲקֹב**, וואו ער איז נִסְתַּלֵּק געוואָרן (מט, לג), [אָדער] **ביי די צַוָּאָה** (שם, א).

יז

וכמו כן לפי פְּשַׁט השני שברש"י, לפי שביקש לגלות את הקץ ונסתם ממנו. הלא גם זה סמוך להסתלקותו, ואם כן היה לו להעמיד הסתימה בסוף הפרשה במקום דמיירי מהסתלקותו, או בפסוק וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וגו'

ז) אָדער לויט דעם פְּשַׁט [השני שברש"י, דהסתימה היא מטעם כי] **ביקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה**, דאָס איז דאָך דעמאָלטס געווען [ביי די צוואה, בפסוק וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו], ס'איז געווען **משמת יעקב** [היינו סמוך לפטירתו. ואם כן גם לטעם זה קשה] **פאַרוואָס** שטעלט ער אַראָפּ **ביים וַיְחִי יַעֲקֹב** דעס וואָס איז געשען **ביים מֵת יַעֲקֹב**.

ס'איז דאָך [דאָ] גאָרנישט דאָס פלאַץ [דערפון, שהרי] ס'איז דאָ עטליכע **פַּרְשִׁיּוֹת** אינדערמיט, ביז ס'שטייט דאָס הִסְתַּלְּקוּת פון יַעֲקֹב אָבִינוּ איז דאָ עטליכע **פַּרְשִׁיּוֹת** פון וַיְחִי יַעֲקֹב ביז אַהין. [ואם כן] האָט ער **דאָרט** געדאַרפט שטעלן די סְתִימָה, וואו קומט עס אַהער, אַז די גאַנצע סְתִימָה גייט אַרויף אויף דעם מִשֶּׁמֵּת [יעקב] וואו קומט עס אַהער צום **וַיְחִי** [יַעֲקֹב].

יח

**קושיא ח**

למה אצל ויחי נאמר 'יעקב', ואצל וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת, נאמר 'יִשְׂרָאֵל'. וכן הקשו בזוהר קושיא זו

ח) אויך דאַרף מען פאַרשטיין [שינוי הלשונות שבפסוק מיעקב לישראל, שמתחיל] **וַיְחִי 'יַעֲקֹב'** וגו', [ושוב אמר] **וַיִּקְרְבוּ יְמֵי 'יִשְׂרָאֵל' לָמוּת**. פאַרוואָס שטייט **יַעֲקֹב** און **יִשְׂרָאֵל**.

יט

דער **זוהר הקדוש** פרעגט אויך די קַשְׁיָא[יז], ס'שטייט נאָך אין זוהר הקדוש, [פאַרוואָס] ביי **וַיְחִי** שטייט **יַעֲקֹב**, און ביי **לָמוּת** דאָרט שטייט **יִשְׂרָאֵל**. [און] ער ענטפערט לְפִי דַּרְכּוֹ.

כ

דער **אור החיים הקדוש** פלאָגט זיך אויך[יח] אויף די אַלע טעמים [בכמה פסוקים] פאַרוואָס שטייט יַעֲקֹב און יִשְׂרָאֵל.

---

[יז] **בזוהר הק'** (בפרשתן רכא:): **וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת. תָּאנָא, אָמַר רַבִּי חִיָּיא, כְּתִיב וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה, הָתָם בְּקִיּוּמֵיהּ 'יַעֲקֹב', וְהָכָא בְּמִיתָתֵיהּ 'יִשְׂרָאֵל', דִּכְתִיב וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת.** [ותירוצו עיי"ש].

[יח] **באור החיים הק'** ריש פרשתן (מז, כח) האריך בזה. וז"ל בתחלת דבריו: **וַיְחִי יַעֲקֹב. טעם קריאת שמו 'יעקב'**

KolSatmar.com

[ומתרץ באורך] ווייל ס'איז אַ נידריגערע מדריגה, דער וַיְחִי 'יַעֲקֹב' [וכן בכל פסוק שנזכר שם 'יעקב'. וכשנזכר שם 'ישראל' הוא לפי שהיה אז במדריגה עליונה].

כא

קושיא ט - מתוך הדרוש

ט) [איתא במדרש[יח] דלא נפטר אבינו יעקב מן העולם, עד שראה ששים רבוא מבני בניו. ויש להבין דלפי זה נמצא דבי"ז שנה במצרים נתרבו שלא כדרך הטבע, שבאו לשם שבעים נפש, ונתרבו עד ששים רבוא. ולעומת זה בארץ ישראל היו יותר מל' שנים, ולא נתרבו מכל השבטים רק עד שבעים נפש, ובדרך הטבע היו צריכין להתרבות הרבה יותר. וצריך ביאור למה לא נתרבו גם בארץ ישראל].

(הקושיא בדברי רבינו, באות עח-עט)

כב

קושיא י - מתוך הדרוש

י) [ובפרשת ויגש (מו, ג) בפסוק אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם, שניחם אותו על יראתו לצאת לחוץ לארץ, במה שאמר לו כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ 'שָׁם' דייקא. וגם בזה יש להבין מדוע לא היה אפשר שיהיה לגוי גדול עוד בהיותו בארץ ישראל]. (הקושיא בדברי רבינו, באות פ)

מ

## קושיות ודקדוקים בסוף הפרשה

קושיא כג - מתוך הדרוש

[וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוֺּת אֶת בָּנָיו וַיֶּאֱסֹף רַגְלָיו אֶל הַמִּטָּה וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו וגו'. וַיְצַו יוֹסֵף אֶת עֲבָדָיו אֶת הָרֹפְאִים לַחֲנֹט אֶת אָבִיו, וַיַּחַנְטוּ הָרֹפְאִים אֶת יִשְׂרָאֵל.

איתא בגמרא תענית (ה:), רב נחמן ורבי יצחק הוו יתבי בסעודתא, אמר ליה רב נחמן לרבי יצחק לימא מר מילתא וכו', אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן, יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת. אמר ליה וכי בִּכְדִי ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא וקברו קברייא, אמר ליה מקרא אני דורש, שנאמר (ירמי' ל, י) וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב נְאֻם ה' וְאַל תֵּחַת יִשְׂרָאֵל, כִּי הִנְנִי מוֹשִׁיעֲךָ מֵרָחוֹק וְאֶת זַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם. מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים[יט].

---

אחר אשר אמר אליו ה' (וישלח לה, י) לֹא יִקָּרֵא וגו', לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ (שם לב, כח), כבר כתבתי בפרשת וישלח וכו' [עיי"ש]. ○ אלא שיש לנו לחקור זאת, במה יבחר ה' לזמנים יקרא לו 'יעקב' ולזמנים 'ישראל'. הן אמת כי בעדת ישראל מצינו שישתנה להם השם כפי מעשיהם, כשעושים רצונו של מקום בשם 'ישראל' יכנה אותם, ולהיפך יקרא שמם 'יעקב' וכו', וטעם זה לא יוצדק ביעקב, כי ישר פעולתו בתמידות.

אכן להיות שענף המושכל אשר נתעצם יעקב להשיגו שבאמצעותו בשם ישראל יתכנה, היא בחינת קדושה עליונה. ותמצא כי המין המאושר ההיא ימאס לבחינת הדאגה והעצבון והשפלות, כי ממקום השמחה והמנוחה והגדולה באה, והיה לאות בין עיניך יום שבת למנוחה אשר צוה ה' את בני ישראל, והוא לטעם נשמה יתירה, ולצד שממקום עליון באה יצו ה' להרחיק היגון והכעס ולקרוא לשבת עונג, והן הדברים עצמם נאמרים ביעקב, בהשגתו שם עליון, השם יגיד כי צוה ה' אתו את הנשמה העליונה, בעלת שם זה של ישראל, וּמִשְׁכָּנָהּ בו הוא כל זמן שאין שם עצבון, וענף הנגדי קצת לשמחה, ולשלמות הקדושה והטהרה, ובהעדר כן וינפש, יוצאה ממנו כיציאת נשמה יתירה של יום שבת, ובאותו זמן לא יקרא לו ישראל, כי בעלת השם הלכה לה ואינה, אז ויקרא שמו יעקב, ותשוב עוד הנשמה ההיא באמצעות הכנת והצעת המוכן, כהשבת נשמה יתירה בכל שבת ושבת, באמצעות הכנת יום המקודש, ובזה תלך לבטח להשכיל טעם בכל מקום אשר בשם 'יעקב' יתכנה, הוא לסיבה אשר יארע שם דבר מבחינת העצב והיגון. ○ וארשום לך קצת מהמקומות להאיר לך וכו' [ועיי"ש באורך שמפרש כמה פסוקים על דרך זה בשינוי לשון יעקב וישראל].

[יט] וז"ל רש"י שם: יעקב אבינו לא מת. אלא חי הוא לעולם: וכי 'בִּכְדִי'. וכי 'בְּחִנָּם' ספדו ספדיא וחנטו חנטיא, דכתיב ביה וַיַּחַנְטוּ, וַיִּסְפְּדוּ: מקרא אני דורש. והאי דחנטו חנטיא, סבורים היו שמת: מה זרעו בחיים. כשהוא מקבץ את ישראל מארץ שביים, החיים הוא מקבץ, שהן בשבי, שהמתים אינן בשבי: אף הוא בחיים. שיביאנו בגולה כדי לגאול את בניו לעיניו, כמו שמצינו במצרים (בשלח יד, לא) וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל [אֶת הַיָּד הַגְּדֹלָה] וגו', ודרשינן ישראל סבא. ודחנטו חנטיא, נדמה להם שמת, אבל חי היה.

KolSatmar.com

כג) וקשה להבין מה תירץ לו באומרו מקרא אני דורש, דהלא סוף סוף אכתי קשה וכי בַּבְדֵי ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא. ורש"י פירש כי סבורין היו שמת, ונדמה להם כן. אבל לפי זה הרי עיקר התירוץ חסר מן הספר, דאין זה נזכר בתירוצו של רבי יצחק]. (הקושיא בדברי רבינו, באות קנו)

עז

# הקדמה לישוב הקושיות בפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב

לאָמיר צוקומען צו דעם עִנְיָן וואָס איך האָב דאָ אָנגעהויבן [אויפן פסוק] וַיְחִי יַעֲקֹב.

עח

[קושיא ט]

איתא במדרש דבי"ז שנים שחי יעקב במצרים, נתרבו משבעים נפש עד ששים רבוא מבני בניו של יעקב. ולכאורה הוא פלא למה דוקא במצרים נתרבו כל כך, מה שאין כן כשהיו בארץ ישראל יותר משלשים שנה, לא נתרבו כל השבטים רק עד שבעים נפש בלבד, והלא בדרך הטבע היו צריכין להתרבות הרבה יותר, ומצינו שאברהם אדרבה זכה לבנים רק בארץ ישראל

לאָמיר זען, דאָ איז דאָ אַן עִנְיַן פֶּלֶא, [וואָס] איך האָב מיך [שוין] אַמאָל געשטעלט דערויף[כ], איך האָב אַמאָל מִתְבּוֹנֵן געווען דערינען.

דאָ [בְּמִצְרַיִם] איז דאָך געשען מַעֲשֵׂה נִסִּים, [שהרי] יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געווען זיבעצן יאָר אין מִצְרַיִם, און ער האָט מַעֲמִיד געווען שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן[כא]. [והוא] חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע, [שיתרבו כל כך] אין זיבעצן יאָר.

זיי זענען געקומען [למצרים] שִׁבְעִים נֶפֶשׁ, און די שִׁבְעִים נֶפֶשׁ זענען נִתְרַבֶּה געוואָרן אין אַ חֶשְׁבּוֹן פון זיבעצן יאָר [אויף] שִׁשִּׁים רִבּוֹא.

עט

[ובהיותם עדיין] אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זענען געווען די הייליגע שְׁבָטִים צען שְׁבָטִים[כב].

[והיו[כג] שם יותר משלשים שנים[כד] משהיו ראויין השבטים לנשואין להעמיד תולדות, ובכל אותן השנים לא העמידו אלא שבעים נפש, ובדרך הטבע היה צריך להיות הרבה יותר, והיה זה נס שלא כדרך הטבע שלא הִפְרוּ וְהִרְבּוּ שם. ובמצרים היה הנס להיפך שנתרבו שלא כדרך הטבע לששים רבוא בי"ז שנה, וטעמא בעי למה היה צורך לנס זה שלא יפרו וירבו בארץ ישראל, ולא נאמר לו הבטחת כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שם בארץ ישראל כי אם במצרים. והרי מצינו באברהם אבינו כי אדרבה אמר לו השי"ת[כה] דכאן בחוץ לארץ אי אתה זוכה לבנים, ורק בארץ ישראל זכה לברכת הבנים. ומדוע היה כאן להיפך].

---

[כ] עיין מזה בס"ג שמות תשכ"ג, וארא תשכ"ד, ובמסיבה א' וישב תשכ"ב, תשכ"ו, תשכ"ח.

[כא] וכדלעיל באות יג בשם המדרש.

[כב] חוץ מיוסף ובנימין. כי יוסף היה במצרים מעת היותו בן י"ז שנה, ושאר השבטים באו למצרים לערך כ' שנה לאחרי מזה. ובנימין שנולד בכניסתם לארץ ישראל בחזרה מבית לבן, לא היה ראוי לנישואין במשך כל השלשים שנה שהיו בארץ, עד שנתגדל אחר כך ושוב העמיד שם י' בנים.

[כג] חסר כאן קצת על הריקאָרדינג. ונשלם מהנדפס בדברי יואל.

[כד] כי יעקב שהה בבית לבן כ"ב שנה, ובהיותו שם לערך ח' שנים נולד ראובן, וסמוך לזה נולדו שאר אחיו חוץ מיוסף ובנימין. ויוסף נולד לאחר י"ד שנים בבית לבן, ובנימין נולד בכניסתם לארץ ישראל. ויעקב בכניסתם לארץ היה בן צ"ב שנה, ובבואם כולם למצרים היה יעקב בן ק"ל שנה כמבואר בפסוק (ויגש מז, ט).

[כה] כמבואר ברש"י פרשת לך (יב, א): לֶךְ לְךָ. להנאתך ולטובתך. ושם אֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל, וכאן אי אתה זוכה לבנים. ובגמרא ראש השנה (טז:): אמר רבי יצחק, ארבעה דברים מקרעין גזר דינו של אדם, אלו הן, צדקה, צעקה, שינוי השם, ושינוי מעשה וכו'. ויש אומרים אף שינוי מקום, דכתיב (לך שם) וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ, והדר וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל (שם, ב). ואידך, ההוא זְכוּתָא דְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוא דאהניא ליה.

פ

[קושיא י']

וכעין זה מצינו שהובטח ליעקב אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם. דמשמע גם כן שרק במצריים היה שייך ענין הגוי גדול, וצריך טעם למה לא היה שייך זה גם בארץ ישראל

[גם צריך ביאור מה שאמר לו השי"ת במראות הלילה אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם. ופירש רש"י לפי שהיה יעקב מיצר על שנזקק לצאת לחוצה לארץ.

ולכאורה האיך התנחם בזה. ולמה הוזקק בעבור זה לצאת מארץ ישראל. ומדוע לא היה אפשר שיהיה לגוי גדול בארץ ישראל].

פא

הקדמה לישוב קושיא ט-י

כבר הארכתי במקום אחר בענין קושיית המפרשים, למה שבט לוי שהיו בחירי ה', היה המועטים במספר מבין כל השבטים

[ואמרתי לבאר כל זה בהקדם מה שתמהו המפרשים, כי הלא הלוים הן הנה ידידי ה' ומשרתיו, ולא חטאו בעגל ולא נהרגו במגיפה, ולמה נתמעט מספרם כל כך, ולא הגיע אף לחצי שבט הקטן שבישראל].

פב

והרמב"ן תירץ ב' תירוצים בזה. א] לפי שלא היו בכלל העינוי במצרים, ולכן לא היו גם בכלל הברכה של הפסוק כַּאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ. ב] ועוד לפי שֶׁכָּעַס יעקב עליהם באומרו אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וגו'

[והרמב"ן ז"ל בפרשת במדבר[כו] תירץ בשני אופנים:]

[חדא עפי"מ שאמרו רבותינו דשבט לוי לא היו בשעבוד מלאכת מצרים ולא היו בכלל העינוי, ולכן לא היו גם בכלל הברכה של][כז] כַּאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ (שמות א, יב), ווייל זיי זענען נישט געווען אין די עינוי, איז נישט געווען [ביי זיי] די ברכה פון כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ.

און נאך אַ טַעַם זאָגט ער, אפשר דער אַף הַזָּקֵן [הוא שגרמה להם, מחמת שאמר עליהם יעקב] אָרוּר אַפָּם כִּי עָז (מט, ז). [וועגן] די קללה פון יַעֲקֹב אָבִינוּ.

פג

ובאור החיים הק' הקשה על ב' תירוצי הרמב"ן, ותירוץ באופן אחר, לפי שהם עמדו וגרשו נשותיהם כדרך שעשה עמרם שהיה ראש השבט. אבל גם תירוצו קשה ודחוק

דער אור החיים הקדוש[כח] מאַכט עס אַוועק, ביידע [תירוצים של הרמב"ן].

---

[כו] ברמב"ן פרשת במדבר (ג, יד): והנה לא היו שבט הלוים כשאר השבטים וכו', והנה לא יגיעו מבן עשרים שנה ומעלה לחצי שבט מישראל הפחות שבכולם, ועדיין לא נשאו הארון שתהיה הַקְּדוֹשָׁה מְכַלֶּה בהם, וזה תמיה איך לא יהיו עבדיו וחסידיו ברוכי ה' כשאר כל העם. ○ ואני חושב, שזה חיזוק למה שאמרו רבותינו (תנחומא וארא, ו) כי שבטו של לוי לא היו בשעבוד מלאכת מצרים ובעבודת פרך, והנה ישראל אשר מררו המצריים את חייהם בעבודה קשה כדי למעטם, היה הקב"ה מרבה אותם כנגד גזרת מצרים, כמו שאמר (שמות א, יב) וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ וכו'. כי היה הקב"ה אומר נראה דבר מי יקום, ממני או מהם. אבל שבט לוי היו פרים ורבים כדרך כל הארץ, ולא עלו למעלה כשאר השבטים. ○ ואולי היה זה מִכַּעַס הַזָּקֵן עליהם [שיעקב אבינו אמר עליהם אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וגו'], כי שמעון שהוא עכשיו מרובה באוכלוסין נתמעט בכניסתו לארץ לעשרים ושנים אלף [ע"י המגיפה שלאחר מעשה זמרי], ולוי שהוא שבט חסידיו לא נתמעט במגפה, [ולכן לא נתרבה מִסְפָּרוֹ מתחילה].

[כז] מכאן ממשיך בהריקאָרדינג.

[כח] באור החיים הק' פרשת במדבר (ג, לט): כָּל פְּקוּדֵי הַלְוִיִּם וגו'. רמב"ן ז"ל תמה בדבר שיש לתמוה בו, כי הלוים הן הנה ידידי ה' וקרוביו, ואשר לא חטאו בעגל, ולא נִגְּפוּ ולא הוּרְגוּ ולא הוּשְׁקוּ, ואיך נתמעטו כל כך מכל השבטים וכו'. ○ וראיתי שיישב בשני דרכים, הראשון הוא לצד שהריבוי בא מצד העינוי, דכתיב וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וגו'. ודרך שני, מטעם כעסו של יעקב אבינו ע"ה.

ובעיני טעם הב' רחוק, כי לא נמצא רושם המעטת הזרע בכעס אביהם ע"ה [שבפסוק אָרוּר אַפָּם לא נרמז ענין זה], ועוד תמצא במספר הבא בדברי הימים (א' כג, ג) וכו', ובמספרם בפרשת נשא (ד, מח) וכו' נמצאו שהוסיפו ד' חלקים בקירוב על מספר זה, ובמספר בני ישראל הבא שם לא באו לכפל מספר האמור כאן, ובאומד מספר זה וכו' יכול להיות מספרם כגדול שבטי ישראל ומעלה, ואיה כַּעַס אביהם. ○ וטעם הא' של העינוי הוא טעם נכון,

דעס מאַכט ער גאָר אַוועק [הטעם השני בשביל] די קללה .. [כי לא משמע בפסוק אָרוּר אַפָּם שהכוונה לחסרון גידול מספרם. ועוד כי מצינו אחר כך בספר דברי הימים שמספרם נתגדל יותר משאר השבטים, ואיה כעס אביהם].

[וטעם הראשון שלא היו בכלל וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ, לא יוצדק לפי מאמר חז״ל לא מת יעקב עד שהגיעו לכלל מספר ס׳ רבוא, הרי מזה דהריבוי שנתרבו היה בזמן שיעקב אבינו] איז נאָך געווען אויף דעם עוֹלָם, איז דאָך נאָכנישט געווען דער וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ, וויאַזוי איז דאָס געווען [ששבט לוי לא יתרבו כמו שאר השבטים], האָט שוין דעמאָלטס געברויכט צו זיין [ריבוי גדול גם בשבט לוי].

פד

אונ ער נייט זיך דער **אור החיים הקדוש** [לתרץ], - אויך אַ שווערער תירוץ, - [אַז] דורך די גזירה פון כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד, זענען זיי מער נזהר געווען במיעוט פריה ורביה, ווייל דורך דעם כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ [גרשו הלוים נשותיהם כדרך שעשה עמרם][כט].

ס׳איז אויך אַ שווערער תְּירוּץ[ל], ס׳איז [דאָ וואָס] מְפַלְפֵּל צו זיין [דערויף], איך וועל נישט דאָ מַאֲרִיךְ זיין אין דעם.

פה

ואני תירצתי בזה תירוצים אחרים, ואחד מהם על פי דברי רש״י והמדרש, דלכן נמנו שבט לוי בפני עצמם, כדי שלא יהיו בכלל הגזירה שנגזרה על שאר השבטים למות במדבר

איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט לאַנג[לא], איך האָב געזאָגט טַעֲמִים דערויף.
איינס צווישן די טַעֲמִים [שאמרתי] וועל איך זאָגן [עתה], וואָס לְדַרְכֵּנוּ פעלט אויס.

פו

ס׳שטייט דאָך אַזוי[לב].
איבערדעם האָט מען עקסטער געציילט שֵׁבֶט לֵוִי, ווייל מ׳האָט געזען אַז אידן

---

**אבל לא יוצדק** לפי מאמר חז״ל שאמרו לא מת יעקב עד שהגיעו ישראל לכלל מספר ששים ריבוא. ובהכרח ליישב הכתובים לפי דבריהם ז״ל, כי אומרו כֵּן יִרְבֶּה, פירוש כמו כן בשיעור הראשון ירבה, ולא היה מתמעט, הגם שהיו הורגים מהם ומענים אותם, היה כח בישראל לפרות ולרבות, כמשפט הראשון למלאות החסר. ומה שאמר הכתוב (שמות א, ז) וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וגו׳, וַיָּקֻצוּ מִפְּנֵי וגו׳ (שם, יב), לצד כי בימי יעקב היו קטני קטנים, ולא היו עושים רושם בעיר, וכשגדלו עָשׂוּ פירסום. **ומעתה הריבוי היה קודם העינוי, ולמה לא יהיה כן לשבט לוי.** ואין לומר שהיו כמו כן רבים כשאר השבטים בעת פטירת אביהם ונתמעטו אחר כך, ולצד שלא היה בהם העינוי לא חזרו להתרבות, כי גם על זה דָּן אָנֹכִי, למה יתמעטו מברכה ראשונה. ○ **ורבותינו ז״ל אמרו** (במדבר רבה ה, א) **שהיה הארון מכלה בהם, זה היה אחר מינוי עבודת הלוים.**

**והנכון בעיני הוא**, כי שבט לוי מעשה אחד להם [לגרש נשותיהם] כמעשה עמרם אשר שלח את אשתו בשביל גזירת הַבֵּן הַיִּלּוֹד [וכמבואר בגמרא (סוטה יב.) שאחר זה עמדו כולם וגרשו נשותיהם, והיינו שבט לוי]. **והטעם**, לצד שהיו מעונגים ולא נשתעבדו, לא נמס לבבם כל כך לראות נטעיהם מושלכים ביאור, כמעשה איש ישראל אשר מצד השעבוד ועול העבודה הוזל והוקל בעיניהם ובלבם לראות ילדיהם מושלכים ביאור, גם שהיו מזלזלים בעצמן לילד ולעזוב בשדות ובמחילות הארץ, אשר אין אדם נכבד שנפשו מכובדת עליו כשבט לוי עושה כן. וזה לך האות כי עמרם שלח את אשתו. ולא הוצרך הכתוב להודיע את הדבר, שגם בעמרם לא הגיד הכתוב הענין, אלא מהשכלת הענין נודע, וללמד על כל שבטו יצא, וזו היא סיבת מיעוטם, כי אם אין גדיים אין תיישים וכו׳. ואם תאמר למה שבט בן תורה יעשה מיעוט פריה ורביה, אולי שדנו בה למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה וכו׳. ומעתה אדרבא עשה ה׳ עמהם **נס שנשארו מהם מספר זה**, ולזה אחר זמן שהיו עסוקים גם הם בפריה ורביה, פרו וישרצו וגו׳ יותר משאר השבטים.

[כט] וכעין זה מסיק **בכלי יקר** פרשת במדבר (ג, לט), ופרשת ויצא (ל, ו).

[ל] עיין במפרשי האור החיים הק׳ שהקשו על תירוצו, שהרי מבואר בגמרא (סוטה שם) שכשעמד עמרם והחזיר את אשתו, עמדו כל ישראל והחזירו נשותיהם.

[לא] בדרשה שב״ק **פינחס תשי״ט בבני ברק, ובס״ג במדבר תש״כ, תשכ״א, תשכ״ג, תשכ״ו, תשכ״ז** (לשון קדשו רמב ח״א). **וס״ג קרח תשכ״א, שמות תשכ״ג. וע״ע בליל א׳ דחנוכה תשכ״ה** (ובדברי יואל לחנוכה אות מ, ד״ה ועפי״ז).

KolSatmar.com

**זענען עָתִיד זאָלן בלייבן אין די מִדְבָּר** [כל הנמנים מבן עשרים שנה ומעלה, און] **ווען שֵׁבֶט לֵוִי העט גיווען מיטגעציילט געוואָרן, העט עס גיווען געגאַנגען צוזאַמען, העטן זיי חָלִילָה אויך נישט גיווען געקומען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, העטן זיי געבליבן אין די מִדְבָּר,** [ולכן] **האָט מען זיי געמוזט עקסטער ציילן.**

**אַזוי זאָגט דאָך רש"י דאָרט אויפן אָרט**[לב] [אַז] **דאָס איז דער טַעַם.**

פז

ומזה מוכח כי שבט לוי היו כולם צדיקי גמורים, ולא היה נמצא ביניהם אף אחד שהיה חוטא בעגל או במרגלים. כי באם היה גם ביניהם עצמם תערובת גם מנשמות נמוכות, אז לא היה מועיל התקנה במה שנמנו בפני עצמם, כי לא ראוי לחלק שבט אחד עצמו לשנים

**לפי זה קומט דאָך אויס אַזוי, וויבאַלד מ'איז אינאיינעם געציילט, העטן זיי נישט גיווען געבליבן. מוז דאָך זיין** [אַז] **אין שֵׁבֶט לֵוִי איז נישט גיווען ניטאָמאָל איינער** [וואָס] **זאָל זיין געכאַפּט אין עֵגֶל**[לג]**, און די אַלע חֲטָאִים. דאָס עֵגֶל, מיט די מְרַגְּלִים**[לד]**.**

[וממילא נמצא], **ווען ס'העט גיווען געווען אין שֵׁבֶט לֵוִי אַליין אויך געמישט, העט דאָך שוין נישט געווען קיין תַּקָּנָה, מ'האָט דאָך נישט געקאָנט עקסטער ציילן און שֵׁבֶט לֵוִי** [אַליין] **צוטיילן. - 'אַזוי'** [עתה] **זענען זיי דאָך געווען עקסטער פון אַלע שְׁבָטִים. - העט דאָך נישט גיווען געטויגט פאַרן גאַנצן שֵׁבֶט.**

---

[לב] **ברש"י במדבר** (א, מט)**: אַךְ אֶת מַטֵּה לֵוִי לֹא תִפְקֹד. כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו. דבר אחר, צפה הקב"ה שעתידה לעמוד גזירה על כל הנמנין מבן עשרים שנה ומעלה שימותו במדבר, אמר אַל יהיו אלו בכלל, לפי שהם שלי, שלא טעו בעגל.**

ומקורו **בבמדבר רבה** (א, יב)**: בשעה שאמר לו הקב"ה למשה אַךְ אֶת מַטֵּה לֵוִי לֹא תִפְקֹד וגו', נתיירא משה ואמר שמא יש פסול בשבטי, שאין הקב"ה חפץ שֶׁאֶמְנֶנּוּ. אמר לו הקב"ה למשה, לא אמרתי לך כן אלא להוציאן מן הגזירה שלא ימותו עמהם, הדא הוא דכתיב** (במדבר שם) **וְאֶת רֹאשָׁם לֹא תִשָּׂא בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. למה, שהלוים שלי הן, וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם** (שם ג, יב)**, שכל מי שהוא מקרב אותי אני מקרבו, הם קרבו עצמן לי שנאמר** (תשא לב, כו) **וַיֹּאמֶר משה מִי לַה' אֵלָי וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו כָּל בְּנֵי לֵוִי, הן קרבו אותי ואני מקרבן, וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם וכו'.**

ועוד שם (ג, ז)**: א"ר יהודה בר שלום, לטובתן של בני לוי לא נמנו עם ישראל, שֶׁאַתְּ מוצא שישראל שיצאו ממצרים לא נכנסו לארץ, שנאמר** (שלח יד, כט) **בַּמִּדְבָּר הַזֶּה יִפְּלוּ פִגְרֵיכֶם וגו', ואילו נמנה שבט לוי עמהם היו בגזירה, שכך אמר הקב"ה** (שם) **וְכָל פְּקֻדֵיכֶם לְכָל מִסְפַּרְכֶם מִבֶּן עֶשְׂרִים וגו', אבל לא נמנו עמהם ונכנסו לארץ. ולמה זכו שנכנסו כולן לארץ, לפי שכשם שהיו צדיקים במצרים כך היו צדיקים במדבר, ונתנו נפשם על הקב"ה. ואימתי עשו כן, בשעה שעשו ישראל אותו מעשה מה כתיב, וַיַּעֲמֹד מֹשֶׁה בְּשַׁעַר הַמַּחֲנֶה וגו', וכשם שעמדו בימי משה כך בארץ ישראל בימי יהושע היו מלמדים ישראל שיעבדו להקב"ה, שנאמר** (יהושע כד, לא) **וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל אֶת ה' כֹּל יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וגו', מי היו הזקנים הללו, ר' יהודה הלוי בשם רבותינו אמר, אלו היו בני לוי.**

ועיין **בגמרא בבא בתרא** (קכא:)**: אמר רב המנונא, לא נגזרה גזרה על שבטו של לוי, דכתיב** (שלח שם) **בַּמִּדְבָּר הַזֶּה יִפְּלוּ פִגְרֵיכֶם וְכָל פְּקֻדֵיכֶם לְכָל מִסְפַּרְכֶם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה, מי שפקודיו מבן עשרים, יצא שבטו של לוי שפקודיו מבן שלשים.**

[לג] כדמוכח מדברי רש"י והמדרש הנזכר. - וכן מבואר **ברש"י זאת הברכה** (לג, ט)**: הָאֹמֵר לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לֹא רְאִיתִיו. כשחטאו בעגל ואמרתי מִי לַה' אֵלָי** (תשא לב, כו)**, נאספו אלי כָּל בְּנֵי לֵוִי, וצויתים להרוג את אבי אמו והוא מישראל, או את אחיו מאמו, או בן בתו, וכן עשו. ואי אפשר לפרש אביו ממש, ואחיו מאביו, וכן בניו ממש, שהרי לויים הם, ומשבט לוי לא חטא אחד מהם, שנאמר** (שם) [וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו] **'כָּל' בְּנֵי לֵוִי.**

[לד] כמבואר **ברש"י דברים** (א, כג)**: וָאֶקַּח מִכֶּם. מן הברורים שבכם, מן המסולתים שבכם: שְׁנֵים עָשָׂר אֲנָשִׁים אִישׁ אֶחָד לַשָּׁבֶט. מגיד שלא היה שבט לוי עמהם.**

ועיין **בדברי דוד להט"ז** בפרשת במדבר (א, מט), על דברי רש"י שם המובא לעיל, מה שביאר בדברי רש"י שם, דהכוונה לפי ששבט לוי לא חטאו גם במרגלים.

ועיין עוד **בדברי יואל במדבר** (עמוד פז-פח) מה שביאר רבינו בזה, דהעיקר מה שלא היו שבט לוי בכלל הגזירה, הוא לפי שלא חטאו **במרגלים**, שאז נגזרה הגזירה למות במדבר. ועיי"ש עוד דבמה שלא חטאו בעגל, זה גם מה שלא חטאו גם במרגלים.

ועיין עוד **בספורנו זאת הברכה** (לג, ח) וז"ל: **אֲשֶׁר נִסִּיתוֹ בְּמַסָּה. בכל מסה שניסו ישראל את הָקֵל ית', כאומרו** (שלח יד, כב) **וַיְנַסּוּ אֹתִי זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים, לא ניסוהו שבט לוי, ולכן לא נגזרה עליהם גזירת מרגלים.**

פח

ומזה רואין כי היה בהם השגחה יתירה, שלא יהיה ביניהם רק נשמות קדושות שאין בהם תערובת הרע

[איבערדעם] האָט נאָר געמוזט זיין – אַ זְהִירוּת – [אַז] ס'זאָל אַראָפּקומען נאָר אַזעלעכע נְשָׁמוֹת קְדוֹשׁוֹת אין שֵׁבֶט לֵוִי [וואָס] זיי זאָלן איבערשטיין אַלע נִסְיוֹנוֹת, ס'זאָל קיינער נישט אַריינפאַלן [בחטאי הדור].

פט

ונשמות קדושות של צדיקים הם מועטים במספר, וכמו שאמרו בגמרא ראה הקב"ה 'שֶׁצַּדִּיקִים מוּעָטִים', עמד ושתלן בכל דור. אבל רוב הנשמות של הדור אינם של צדיקים בזמן הזה, עד לעתיד כשיתוקנו ויתלבנו הרבה מהם ויהיו גם הם צדיקים, זולת אותן שהם משורש הרע לגמרי, שהם יאבדו לעתיד

[והנה אמרו חכז"ל][לה] רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'שֶׁצַּדִּיקִים מוּעָטִים', עָמַד וְשָׁתְלָן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. [ווייל] רוֹב וועלט קענען נישט זיין אַזוי ווי צַדִּיקִים, נאָר פון יעדן [דוֹר] קומט אַרויס עפּעס [צַדִּיקִים].

[ביז] לֶעָתִיד, וועט דאָס אַלעס נִתְבָּרֵר ווערן [און] נִתְלַבֵּן ווערן. [ואז יתקיים וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים].

צ

– סיידן חלילה די וואָס זענען אינגאַנצן פון די סִטְרָא אַחֲרָא [שלא יתוקנו גם לעתיד].

די ווידעראום ברויכן צו זיין [כדי ס'זאָל זיין] זֶה לְעֻמַּת זֶה (קהלת ז, יד), דאָס גייט נישט אַנדערש. אַז מ'שיקט אַראָפּ נְשָׁמוֹת קְדוֹשׁוֹת, מוז זיין דערקעגן [נשמות של הסטרא אחרא].

אַזוי איז דאָך דער בְּרִיאַת הָעוֹלָם, [ווייל] ס'איז דער קטרוג זייער גרויס [פון] די סִטְרָא אַחֲרָא. ס'איז זֶה לְעֻמַּת זֶה באַשאַפן געוואָרן [אויך] אַ סִטְרָא אַחֲרָא.

צא

[וכדרך שמצינו כי] דָּתָן וַאֲבִירָם איז געבליבן נאָך אַלעמען אין מִצְרַיִם[לו] [בשעה שיצאו ישראל משם, ואחר כך יצאו גם הם כשרדפו המצריים אחריהם בים. והגם] ס'זענען דאָך געבליבן [הרשעי ישראל] דאָרט אין מִצְרַיִם [בימי האפילה, והם לא יצאו לבסוף], און דָּתָן וַאֲבִירָם זענען [אָבער] געבליבן פון די אַלע, און זיי זענען [צום סוף] מיטגעגאַנגען מיט אידן. [שטייט דער טעם, ווייל] ס'איז געווען זֶה לְעֻמַּת זֶה, אַקעגן מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן[לז]. –

---

[לה] בגמרא יומא (לח:): אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, ראה הקב"ה שצדיקים מועטין, עמד ושתלן בכל דור ודור, שנאמר (שמואל א' ב, ח) כִּי לַה' מְצֻקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל [פירש"י: פיזרן בכל הדורות, להיות שָׁתוּת וְקִיּוּם וִיסוֹד לקיים תֵּבֵל].

[לו] וכמבואר בתרגום יונתן (בשלח יד, ג) בפסוק וְאָמַר פַּרְעֹה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ וגו', וז"ל: ויימר פרעה לדתן ולאבירם בני ישראל דמשתיירון במצרים, מטרפין הינון עמא בית ישראל בארעא וכו'.

[לז] עיין בס"ג פינחס תשכ"ז (לשון קדשו רמו ח"א) מה שהאריך רבינו בזה [וגם בס"ג במדבר תשכ"ז (לשון קדשו רמב ח"א)]. ושם הביא כן בשם הרי"ף על העין יעקב (מגילה יא:) שכתב וז"ל: במדרש (אסתר רבה א, ב) אמרו חכז"ל, "הוּא" חמשה הוא לטובה, וחמשה לרעה וכו'. ויש לדקדק מה באו לחדש שיש חמשה 'הוּא' לרעה וחמשה לטובה. אמנם הכוונה כי גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים (קהלת ז, יד), ונמרוד הרשע שהטריד העולם על יושביו וימרוד בהקב"ה, עמד כנגדו אברהם שהקריא שמו של הקב"ה. וכנגד עשו הרשע שכתוב בו (תולדות כה, כה) וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי, עמד דָּוִד הוּא הַקָּטָן שנאמר בו (שמואל א' טז, יב) וְהוּא אַדְמוֹנִי עִם יְפֵה עֵינַיִם. וכנגד דתן ואבירם, עמדו משה ואהרן בצדקתם. וכנגד אחז הרשע שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות, עמד חזקיהו שהיה מרביץ תורה. וכנגד אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ שביטל בנין בית המקדש, עמד עזרא שבנה בית המקדש.

ועיין בילקוט שמעוני שלח (רמז תשמג) וז"ל: וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו נִתְּנָה רֹאשׁ [וְנָשׁוּבָה מִצְרָיְמָה] וגו' (שלח יד, ד), נמנו ישראל במדבר למנות דתן במקום משה, ואבירם נמי במקומו של אהרן, שנאמר נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה וגו', הוי וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה' (תהלים קו, טז), ומה גרמו לעצמם, וַתִּפְתַּח אֶרֶץ וַתִּבְלַע דָּתָן וגו' (שם, יז).

KolSatmar.com

צב

ולכן בהשגחה מן השמים היו שבט לוי מועטים במספר, כדי שלא יתערב ביניהם רק נשמות קדושות של צדיקים. כי באם היה בהם רִיבּוּי עָם, הרי בהכרח היה צריך להיות מעורב ביניהם גם נשמות נמוכות

על כל פנים אַז מ'האָט געוואָלט אַז דאָס שֵׁבֶט לֵוִי זאָל בלייבן, האָט מען געמוזט אַכטונג געבן [ס'זאָל זיין צווישן זיי] **בלויז נְשָׁמוֹת קְדוֹשׁוֹת.**

**און פון דעם איז נישטאָ אַזאַ סאַך.**

**איבערדעם איז שֵׁבֶט לֵוִי געווען ווייניגער, ס'איז צום פאַרשטיין.**

[ואדרבה] ס'איז אַ נֵס אַז ס'איז דאָ **אַזויפיל** [כ"ב אלף צדיקים בשבט לוי].

[ועל כל פנים] ווען ס'איז דאָ מער, העט עס שוין געווען געמישט, העט עס שוין געווען אַ סַכָּנָה פאַרן גאַנצן שֵׁבֶט.

[איבערדעם טאַקע] **'ווייל' ס'איז אַזוי הייליג,** [און] זיי זענען **יְדִידֵי ה'**, האָט מען געמוזט אַכטונג געבן ס'זאָל זיך נישט עפּעס אַריינמישן, [נאָר] זיי זאָלן זיין עקסטער, אַזוי ווי זיי זענען געווען עקסטער פון אַלע שְׁבָטִים.

איבערדעם האָט עס געמוזט זיין **ווייניג.** [עד כאן ממה שאמרתי כבר].

צג

**ישוב קושיא ט**

איתא במדרשים דהששים רבוא שיצאו ממצרים היה רק חלק מועט מהכלל ישראל, ורובם נשארו במצרים, ולחד דעה יצאו רק אחד מששים רבוא, ונמצא שהיה במצרים ס' רבוא פעמים ס' רבוא בעת יציאת מצרים

[והנה] **דער מדרש זאָגט**[לח], ס'איז דאָ דֵעוֹת אַז ס'איז אַרויסגעגאַנגען [ממצרים רק] **אֶחָד מִשִּׁשִּׁים רִבּוֹא.** [ונמצא] ס'איז געווען [אין מִצְרַיִם] **שִׁשִּׁים רִבּוֹא פְּעָמִים שִׁשִּׁים רִבּוֹא.**

צד

וגם מסברא צריכין לומר כן, שהרי בימי יעקב כבר היו ששים רבוא, ושוב נתרבו במאוד מאוד כמבואר בפסוק, ולבסוף כשיצאו היו גם כן רק ששים רבוא, ובעל כרחך שבאמת היה הרבה יותר מששים רבוא, אלא שרובם נשארו שם במצרים

[און] **מ'זעט דאָך אַזוי,** [שהרי] **בִּימֵי יַעֲקֹב אָבִינוּ** איז [שוין] געווען **שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן** (וכדלעיל באות יג, ואות עח).

און דערנאָך איז דאָך כְּסֵדֶר געווען [וַיִּרְבּוּ] **וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד** (שמות א, ז), [אין] די אַלע דורות [שהיו במצרים].

און צום סוֹף איז ווייטער נאָר געבליבן **שִׁשִּׁים רִבּוֹא** אידן [שזכו לצאת ממצרים].

[ולכאורה] וואָס האָט זיך געטון מיט די [ששים רבוא] וואָס ס'איז נאָך פריער געווען [בימי יעקב]?

נאָר וואָס דען [שהיה כמה פעמים ששים רבוא בעת יציאת מצרים, נאָר] **דאָס איז געווען געמישט** [עם נשמות שונות, ורק ששים רבוא מהם היו נשמות קדושות שזכו לצאת ממצרים, אבל השאר נשארו שם].

ס'איז געווען אַזעלעכע וואָס זיי האָבן גאָר נישט געוואָלט אַרויסגיין[לט]. זיי זענען געווען **רְשָׁעִים,** [און] זיי האָבן געהאַט פאָסטענס, זיי האָבן געהאַט **שְׁלִטוֹנוֹת** אין

---

[לח] עיין בשמות רבה (ה, יז), ובגמרא ורש"י סנהדרין (קיא. ד"ה אף יציאתן). וע"ע פסיקתא דרב כהנא (יא, יא).

[לט] וכמבואר בשמות רבה (יד, ג): חושך למה הביא עליהן. יתברך שמו של הקב"ה שאין לפניו משוא פנים והוא חוקר לב ובוחן כליות, לפי שהיו פושעים בישראל שהיה להן פַּטְרוֹנִין מן המצריים, והיה להן שָׁם עושר וכבוד, ולא היו רוצים לצאת. אמר הקב"ה אם אביא עליהן מכה בפרהסיא וימותו, יאמרו המצריים כשם שעבר עלינו כך עבר עליהן, לפיכך הביא על המצריים את החשך ג' ימים, כדי שיהיו קוברין [ישראל את] מתיהם ולא יהיו רואין אותן שונאיהם.

KolSatmar.com

מִצְרַיִם, זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט גיין. זיי זענען אינגאַנצן אַרויס לְתַרְבּוּת רָעָה, [און] זיי זענען 'געבליבן' אין מִצְרַיִם.

צה
אלא שבמשך הדורות יש הרבה גם מהם שנתקנים ע"י שבאין בגלגול, ועל זה נאמר שלעתיד יבואו גם הַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם

הָגַם פון די וועט אויך אַ 'געוואַלד' [מספר גדול, שיתוקן מהם לעתיד, ווי] ס'שטייט דאָך אַזוי (ישעי' כז, יג) [וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר] וְהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם, [אויף] לֶעָתִיד[מ]. [ווייל] די זענען נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן [און] מְגוּלְגָּל געוואָרן, צֵירוּף אַחַר צֵירוּף[מא].

מִי יוֹדֵעַ, קאָן זיין ס'איז פון זיי אויך געוואָרן שפּעטער גרויסע צַדִּיקִים נאָך אַרויסגעקומען.

[וכעין] אַזוי ווי דאָס גאַנצע דוֹר הַמִּדְבָּר – ווי דער אר"י הקדוש רעכנט אויס[מב] – איז געגאַנגען אַזוי [מגלגול לגלגול עד שנתקנו], פון דוֹר הַמַּבּוּל צו סְדוֹם, און צו מִצְרַיִם, זיי זענען כְּסֵדֶר נאָכאַמאָל נִתְגַּלְגֵּל געוואָרן.

צו
אמנם על כל פנים כשיש ריבוי עם, בהכרח שיהיה ביניהם גם נשמות לא טובות, בבחינת זֶה לְעֻמַּת זֶה

יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, אָבער קודם האָט מען געוואוסט אַז ס'קען אַנדערש נישט זיין, [נאָר אַז] צווישן אַ רִבּוּי עָם מוז זיין זֶה לְעֻמַּת זֶה, איז דאָ אַזעלעכע [נידעריגע נשמות אויך].

צז
ובימי יעקב שהוא בתחילת העמדת הכלל ישראל, לא רצה הקב"ה שיהיו נשמות כאלו שם בארץ ישראל, ולכן שמרו מן השמים שיוולדו רק שבעים נפש שהם נשמות קדושות של צדיקים. ורק אחר כך במצרים היה אפשר שיתרבו הרבה, ויוולדו גם נשמות כאלו, עד שיתלבן הכלל ישראל בצירוף אחר צירוף

און דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט דאָס נישט געוואָלט שיקן קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קיין נידעריגע נְשָׁמוֹת אַזעלעכע. מ'האָט געוואוסט [אַז] אָן דעם גייט נישט [קיין רִבּוּי עָם], און 'די' ברויך מען נישט האָבן דאָרטן [בארץ ישראל].

[ולכן] האָט מען אויסגעקליבן שִׁבְעִים נֶפֶשׁ [וואָס] מ'האָט געוואוסט זיכער אַז זיי זענען קראַנט, [און] ס'איז אַ יְסוֹד, אַ פונדאַמענט [להעמדת הכלל ישראל, ורק הם נולדו בארץ ישראל בימי יעקב].

[מה שאין כן] אין מִצְרַיִם האָט מען שוין געקענט דורכגיין דעם גאַנצן צֵירוּף [אחר צירוף].

צח
אִין הָכִי נַמִּי, שפּעטער וועט אַרויסקומען פון דעם אַלעמען [נשמות שונות, וגם בארץ ישראל], אָבער קודם דערווייל איז [דאָס] אַן איבערגאַנג, [און אויב] גייען אַרויס אַזעלעכע נידעריגע [נשמות] וואָס זיי מאַכן אָן גָּלוּת, און מאַכן צָרוֹת, זיי זענען מַסִּיתִים וּמַדִּיחִים, זיי פאַרשטעלן די אויגן פון אידן[מג], און מ'פירט זיי לְדֶרֶךְ הָרָעָה. [וואָלט נישט געטויגט, אם היה כן בארץ ישראל, בתחלת העמדת הכלל ישראל]. (עיקר ההמשך באות קג)

---

[מ] עיין בזה בעשרה מאמרות להרמ"ע (חקור דין ח"ג, פרק כא), ובספרו יונת אלם (פרק יט), ומביאו בילקוט ראובני פרשת בא (אות כה-כו). ועיין באגרא דכלה פרשת בא (עה"פ דבר נא באזני העם).

[מא] מלשון הגמרא בכתובות (קיב:): אמר רבי זירא אמר רבי ירמיה בר אבא, דור שבן דוד בא קטיגוריא בתלמידי חכמים. כי אמריתה קמיה דשמואל, אמר צירוף אחר צירוף.

[מב] עיין בזה באורך בשער הפסוקים (פרשת שמות), ובשער הכוונות (ריש דרושי פסח), ועוד.

[מג] לשונות אלו מתאימים עם לשונות חכמינו ז"ל בענין טעמי הסתימה שבפסוק ויחי יעקב.

KolSatmar.com

צט

[כי בעוה"ר] **מ'ווערט נאָך מער פאַרדאָרבן פון אידן, ווי פון גוֹיִם.**

[ווייל] **גוֹיִם ווייסט מען שוין** [להתרחק מהם], **מישט מען זיך נישט אַזוי אויס.**

**אָבער חלילה אידן אַז ס'איז דאָ אַזעלעכע, בעונינו הרבים, דאָס דאַרף מען דאָך נישט זאָגן - דאָס זעט מען דאָך בְּחוּשׁ נעבעך - וואָס ס'קומט אַרויס פון דעם, וויאַזוי מ'זעה מיר אויס, וויאַזוי מ'ווערט 'פאַרפירט' פונעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל** [אַליין] **בעונינו הרבים.**

**טאַקע צווישן אידן וויאַזוי מ'ווערט פאַרפירט.**

ק

**די צָרָה פון יָרָבְעָם'ן איז דאָך** [אויך אַזוי] **געווען,** [שעלה בידו להחטיא את הרבים, טאַקע] **ווייל ס'איז נישט געווען בְּתוֹרָתוֹ קיין שׁוּם שֶׁמֶץ דֹּפִי[מד], און ער איז געווען גאָר אַמאָל אַ געוואַלדיגער צַדִּיק, ער איז געווען גלייך מיט אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי אין צִדְקוּת[מה].**

**און אַז דער בַּעַל דָּבָר האָט זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט, דעס איז געווען דאָס מאַלער[מו].**

קא

**די גמרא זאָגט דאָך אַזוי[מז], מיט 'דעם' האָט ער אויסגעפּאָפּט,** [במה] **שֶׁהוֹשִׁיב**

---

[מד] כמבואר בגמרא סנהדרין (קב.): **וְיָרָבְעָם יָצָא מִירוּשָׁלָיִם** (מלכים א' יא, כט), **אמר רבי חנינא בר פפא, שיצא מפיתקה של ירושלים** [פירש"י: מכללה, שלא לחזור בה לעולם ולא ליטול חלק בכבודה. מפתקה, כגון נפל פתקה מרקיעא (בבא מציעא פו.), כלומר מחזקה של ירושלים, הכתוב וחתום בה]. **וַיִּמְצָא אֹתוֹ אֲחִיָּה הַשִּׁילֹנִי הַנָּבִיא בַּדֶּרֶךְ וְהוּא מִתְכַּסֶּה בְּשַׂלְמָה חֲדָשָׁה וּשְׁנֵיהֶם לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה** (שם), **מאי בְּשַׂלְמָה חֲדָשָׁה, אמר רב נחמן כְּשַׂלְמָה חֲדָשָׁה, מה שלמה חדשה אין בה שום דופי, אף תורתו של ירבעם לא היה בה שום דופי** [גימגום בגמרא]. **דבר אחר שַׂלְמָה חֲדָשָׁה, שחידשו דברים** [דרשו דברי תורה בין ירבעם לאחיה] **שלא שמעה אזן מעולם. מאי וּשְׁנֵיהֶם לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה, אמר רב יהודה אמר רב שכל תלמידי חכמים דומין לפניהם כעשבי השדה, ואיכא דאמרי שכל טעמי תורה מגולין להם כשדה.**

[מה] כמבואר בדברי הגמרא סנהדרין דלעיל, **ששניהם היו גדולים מאוד בתורה. ומה שאמר רבינו שהיו שוים בצדקות, הוא מבואר בדברי הזוהר חדש. וכמו שהביא הביא רבינו כל ענין זה בויואל משה** (א, קלד) **וז"ל: ובאמת שירבעם לולא אותו החטא שטעה בו, היה אדם גדול מאוד, כמבואר בגמרא סנהדרין וכו' תורתו של ירבעם לא היה בו שום דופי. וכתבו בזה** (בפתח עינים סנהדרין שם, ובכלי יקר מלכים א' יא כח) **שבודאי למד תורה לשמה, שאילו היה שלא לשמה אין לך דופי יותר מזה. עוד דרשו שם בגמרא וכו' שכל תלמידי חכמים דומין לפניהם כעשבי השדה, ואיכא דאמר שכל טעמי תורה מגולין להם כשדה, והרי שהשוה אותו לאחיה השילוני בענין כח התורה. ובזוהר חדש כתב עוד יותר מזה, שכתב במדרש הנעלם דף ל"ד (דפוס מונקאטש) וזה לשונו, דתנן מאי דכתיב (מלכים א' יא, כט) וּשְׁנֵיהֶם לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה, מלמד ששקולים הם בצדקותם ובזכותם מכל ישראל. והרי שהשוה אותו לאחיה השילוני גם בצדקות ובזכיות, יותר מכל ישראל. ○ ובגמרא סנהדרין שם** (קב.) **שאמר הקב"ה לירבעם חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן, הגם שהמאמר הזה הוא תמוה לכאורה, ואין מקומו פה לבארו, אבל על כל פנים ודאי אנו רואין בזה שהקב"ה דיבר עמו, ואין זה אלא בנבואה, אם כן היה נביא. ואפילו אם תאמר שה' אמר לו זה על ידי שליח שהיה נביא, אבל מכל מקום על כרחך היה אדם גדול בתכלית, שהיה לו הבטחה זו מהקב"ה שאם יחזור בו יטייל עמו בגן עדן עם בן ישי, אלא שבן ישי בראש, אבל על כל פנים הובטח להיות במדריגה אחר בן ישי, לטייל עם הקב"ה בגן עדן, והיא הבטחה נפלאה כידוע ליודעי חן. וזה לשון האור החיים הקדוש ריש פרשת בחקותי** (באופן יט) **על אומרם ז"ל שאמר הקב"ה לירבעם חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן, ואמרו המקובלים** (עי' זוה"ק ח"א דף ס:) **כי טיול זה היא הדרגת שעשוע שאין למעלה ממנו, אשרי אנוש יזכה לו עכ"ל. וחזינן בזה רוב גדולתו, אלא שבשביל שסוף כל סוף גרם לכל ישראל עון העבודה זרה, היה חטא הרבים תלוי בו, אף שהוא בעצמו היה מאמין בהשי"ת בכל אופן ואופן, מכל מקום על ידי חטא הרבים שגרם אחר כך, הגיע אליו כל הנאמר עליו בכתובים ובדברי חכמינו ז"ל.**

[מו] **פירוש: צָרָה, פּראָבלעם, או חסרון.**

[מז] **בגמרא שם** (קא: קב.): **אמר רב נחמן, גסות הרוח שהיה בו בירבעם, טרדתו מן העולם, שנאמר** (מלכים א' יב, כו-כז) **וַיֹּאמֶר יָרָבְעָם בְּלִבּוֹ עַתָּה תָּשׁוּב הַמַּמְלָכָה לְבֵית דָּוִד, אִם יַעֲלֶה הָעָם הַזֶּה לַעֲשׂוֹת זְבָחִים בְּבֵית ה' בִּירוּשָׁלַיִם וְשָׁב לֵב הָעָם הַזֶּה אֶל אֲדֹנֵיהֶם אֶל רְחַבְעָם מֶלֶךְ יְהוּדָה וַהֲרָגֻנִי וְשָׁבוּ אֶל רְחַבְעָם מֶלֶךְ יְהוּדָה. אמר, גמירי** [פירש"י: הלכה למשה מסיני, ולא מקרא] **דאין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית יהודה בלבד, כיון דחזו ליה לרחבעם דיתיב,**

רָשָׁע אֵצֶל צַדִּיק, און זיי האָבן געזאָגט אַזאַ גרויסער מענטש ווי יָרָבְעָם קען דען חלילה מיינען עֲבוֹדָה זָרָה?

אַזוי ווייט אַז אפילו אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי האָט זיך קוֹדֶם טוֹעֶה געווען אין אים, ער האָט אונטערגעשריבן[מז].

און דערנאָך [אפילו] ער איז געווען אַ נָבִיא אֱמֶת, [און] ער האָט דאָך מִתְנַבֵּא געווען אויף יָרָבְעָם׳ס מַפָּלָה[מח]. מיט דעם אַלעמען דאָס האָט [שוין] נישט געהאָלפן, די אונטערשריפט האָט אַריינגעכאַפּט [אַנדערע, וגם] יֵהוּא איז נאָר נִמְשַׁךְ געוואָרן דורך די אונטערשריפט פון אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי.

אַזוי זאָגט דאָך די גמרא.

קב

[און] בעונינו הרבים [דאָס] זעט מען דאָך [היינט אויך, מה שגורם ענין עצת יָרָבְעָם של התחברות וישיבת רשע אצל צדיק, אשר זה מביא להטעות את לב הרבים][מט].

קג

און דער בורא כל עולמים האָט דאָס נישט געוואָלט שיקן [לארץ ישראל, נשמות מעורבות כאלו].

איי ס׳האָט זיך שפּעטער געמאַכט [אפילו בארץ ישראל].

שפּעטער איז מען נישט געגאַנגען אַנדערש, [אָבער] ס׳איז געווען [שוין] אַ פונדאַמענט פון [ששים רבוא] אידן וואָס האָבן מְקַבֵּל געווען די תּוֹרָה[נ].

דער כֹּחַ הַתּוֹרָה איז געבליבן, וואָס מ׳קען זיך נאָך אַרויס דראַפּן [דערמיט]. ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט[נא].

---

ואנא קאימנא, סברי הא מלכא והא עבדא. ואי יתיבנא, מורד במלכות הואי, וקטלין לי, ואזלו בתריה. ○ מיד (שם, כח-כט) וַיִּוָּעַץ הַמֶּלֶךְ וַיַּעַשׂ שְׁנֵי עֶגְלֵי זָהָב וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רַב לָכֶם מֵעֲלוֹת יְרוּשָׁלַיִם, הִנֵּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, וַיָּשֶׂם אֶת הָאֶחָד בְּבֵית קֵל וְאֶת הָאֶחָד נָתַן בְּדָן. מאי וַיִּוָּעַץ, אמר רבי יהודה שהושיב רשע אצל צדיק [ואומר להם להעמיד להם צלם אחד בבית קֵל, ואחד בדן, ויסכימו עמו]. אמר להו חתמיתו על כל דעבידנא, אמרו ליה הין. אמר להו מלכא בעינא למיהוי, אמרו ליה הין. כל דאמינא לכו עבידתו, אמרו ליה הין. אפילו למפלח לעבודת כוכבים, אמר ליה צדיק, חס וחלילה. אמר ליה רשע לצדיק, סלקא דעתך דגברא כירבעם פלח לעבודת כוכבים, אלא למינסינהו הוא דקא בעי אי קבליתו למימריה [לנסיונהו בעי אם דעתנו שָׁלֵם עמו, ונתרצה בדבר, וכך היה מטעה רשע לצדיק, עד שהיו כולן חתומים שהן היו רוצים, ושוב לא היו יכולים לחזור בהן]. ○ ואף אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי טעה [בדבר, דסבר לנסויינהו אתי], וחתם [באותו מעשה]. דהא יֵהוּא צדיקא רבה הוה, שנאמר (שם ב׳ י, ל) וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל יֵהוּא יַעַן אֲשֶׁר הֱטִיבֹתָ לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינַי כְּכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבִי עָשִׂיתָ לְבֵית אַחְאָב, בְּנֵי רְבִעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל. וכתיב (שם, לא) וְיֵהוּא לֹא שָׁמַר לָלֶכֶת בְּתוֹרַת ה׳ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בְּכָל לְבָבוֹ, לֹא סָר מֵעַל חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת יִשְׂרָאֵל. מאי גרמא ליה וכו׳, רבא אמר, חותמו של אחיה השילוני ראה וטעה.

[מח] בספר מלכים א׳ (יד, ו-יד): וַיְהִי כִשְׁמֹעַ אֲחִיָּהוּ וגו׳ וַיֹּאמֶר בֹּאִי אֵשֶׁת יָרָבְעָם, לָמָּה זֶּה אַתְּ מִתְנַכֵּרָה וְאָנֹכִי שָׁלוּחַ אֵלַיִךְ קָשָׁה. לְכִי אִמְרִי לְיָרָבְעָם, כֹּה אָמַר ה׳ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, יַעַן אֲשֶׁר הֲרִימֹתִיךָ מִתּוֹךְ הָעָם וָאֶתֶּנְךָ נָגִיד עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל. וָאֶקְרַע אֶת הַמַּמְלָכָה מִבֵּית דָּוִד וָאֶתְּנֶהָ לָךְ, וְלֹא הָיִיתָ כְּעַבְדִּי דָוִד אֲשֶׁר שָׁמַר מִצְוֹתַי וַאֲשֶׁר הָלַךְ אַחֲרַי בְּכָל לְבָבוֹ לַעֲשׂוֹת רַק הַיָּשָׁר בְּעֵינָי. וַתָּרַע לַעֲשׂוֹת מִכֹּל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנֶיךָ, וַתֵּלֶךְ וַתַּעֲשֶׂה לְּךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים וּמַסֵּכוֹת לְהַכְעִיסֵנִי וְאֹתִי הִשְׁלַכְתָּ אַחֲרֵי גַוֶּךָ. לָכֵן הִנְנִי מֵבִיא רָעָה אֶל בֵּית יָרָבְעָם, וְהִכְרַתִּי לְיָרָבְעָם מַשְׁתִּין בְּקִיר עָצוּר וְעָזוּב בְּיִשְׂרָאֵל, וּבִעַרְתִּי אַחֲרֵי בֵית יָרָבְעָם כַּאֲשֶׁר יְבַעֵר הַגָּלָל עַד תֻּמּוֹ. הַמֵּת לְיָרָבְעָם בָּעִיר יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים, וְהַמֵּת בַּשָּׂדֶה יֹאכְלוּ עוֹף הַשָּׁמָיִם, כִּי ה׳ דִּבֵּר וגו׳. וְהֵקִים ה׳ לוֹ מֶלֶךְ עַל יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יַכְרִית אֶת בֵּית יָרָבְעָם וגו׳.

[מט] ועיין בענין זה לענין מצב דורינו, בלשון רבינו בויואל משה (א, קס קסז).

[נ] ועיין מה שהאריך רבינו בענין זה בס״ג בשלח תשכ״ז, ועוד בשאר דרושים לפרשת בשלח.

[נא] באור החיים הק׳ שמות (ג, ח): וטעם שנסתכנו ישראל במצרים בבירור שער הנ׳, לצד שלא היו בני תורה. מה שאין כן דורות האחרונים באמצעות תורתם ישיגו ליכנס לשער הנ׳, ולהוציא בלעו מפיו, ואז ספו תמו בחינת הטומאה.

[און] ס'איז לאׁ סַגִּי בְּלַאו הָכִי [שלא יהיה בכלל ריבוי עם גם נשמות נמוכות], **איז מען געגאַנגען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** [שפעטער, אף שנולדו שם גם נשמות כאלו].

**אָבער לכתחילה, דעם ערשטן פונדאַמענט** [מהכלל ישראל בארץ ישראל, בימי יעקב, שמרו מן השמים שיהיו שם רק שִׁבְעִים נֶפֶשׁ שהם צדיקים גמורים].

קד

ומצינו שכל הגרים שגיירו האבות לא ירדו עם יעקב למצרים, כי הם לא רצו לקבל עול הגלות, ואם היה אנשים כאלו גם מבני ישראל שלא היו מקבלין עול הגלות, היה מר מאוד, והיה זה מזיק לכל הכלל ישראל אם היו אז אנשים כאלו בארץ ישראל

[והנה מצינו כי] **אפילו די גֵּרִים** [שגיירו האבות] **שטייט דאָך**[נב] [אַז] **זיי זענען דאָך אויך געבליבן אַלע דעמאָלטס אין אֶרֶץ כְּנַעַן, זיי זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט יַעֲקֹב אָבִינוּ** [קיין מצרים].

**אָבער מִי יוֹדֵעַ ווען ס'איז דאָ אידן אַסאַך** [שהיו נולדים בארץ ישראל], **העטן אידן אויך אַזאָלעכע גיוועזן געבליבן דאָרטן** [וואָס] **זיי העטן נישט גיוועזן געוואָלט מיטגיין אין גָּלוּת מיט יַעֲקֹב אָבִינוּ,** [און] **דעס העט געווען אַ גרויסע צָרָה, אַ גרויסער קִטְרוּג העט גיווען געווען,** [אם היה אירע כן] **דעמאָלטס אין אָנפאַנגס, איידער מ'האָט נאָך דורכגעבראָכן און מ'איז צוגעקומען צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה,** [מ'איז] **צוגעקומען צו דעם אוֹר גָּדוֹל, ווען דאָס געשעט 'דעמאָלטס' אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזאַ מין זאַך** [של סירוב קבלת עול הגלות].

קה

כי הארץ מקפדת יותר על בני ישראל שחוטאים בארץ ישראל, כמאמר הכתוב וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, וכמו שביאר בכלי יקר שעל גוים אין הארץ מקפדת כל כך, רק על בני ישראל

**וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר** (בחקותי כו, מב)**, ווי דער כלי יקר זאָגט**[נג].

---

[נב] עיין **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק כט): רבי יוחנן אומר, כל הגוים הבאים לישראל, נמולין בטובתם וברצונם וביראת שמים הם נמולים, ואף על פי כן אין מאמינין בגר עד שבעה דורות, שלא המיר למוצאיהם. אבל עבדים נמולים בטובתם ושלא בטובתם, ואין אמונה בעבדים. **כך כל העבדים שנמולו עם אברהם אבינו לא נתקיימו לא הם ולא זרעם בישראל.** - **ועיין עוד באלשיך הק'** (סוף פרשת נח, ובפרשת וירא עה"פ כי ידעתיו). **ועיין מה שהאריך רבינו בזה במסיבה מוצ"ש וישב תשט"ו** (לשון קדשו קונטרס רס, מן אות יב), **ועוד.**

[נג] **בכלי יקר ריש פרשת בהר** (כה, ב): וכדי ליישב כמה דקדוקים בלשון הפרשה, אומר אני **שטעם מצוה זו היא להשריש את ישראל במדת האמונה, והבטחון בה'.** כי חָשַׁשׁ הקב"ה פן בבואם אל הארץ יתעסקו בעבודת האדמה על המנהג הטבעי, וכאשר כביר מצאה ידם ישכחו את ה' ויסורו בטחונם ממנו, ויחשבו כי כחם ועוצם ידם עשה להם את החיל הזה, ועולם כמנהגו נוהג, ויחשבו שהארץ שלהם היא והם הבעלים ואין זולתם. על כן הוציאם ה' מן המנהג הטבעי לגמרי, כי בשש שנים דרך האומות לעשות שני שנים זרע ושנה אחת בור, כדי שלא להכחיש חילה, והקב"ה אמר שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ (שם, ג), מידי שנה בשנה, ואני מבטיחך להוסיף כחה שלא תכחיש. ועוד נס בתוך נס, שאחר שזרעתה שש שנים, אם בשנה הששית לא יכחיש חילה, הנה לכל הפחות לא יוסיף לה זה כח, ואמר ה' אדרבה שבשנה הששית יוסיף לה כח כל כך עד שנאמר (שם, כא) וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים. ואם היה הנס שתעשה התבואה לג' שנים הרי זה מעשה ניסים, אבל ושלישים על כלו שהתבואה שתעשה בשנה הששית, אף אם לא יהיה בה כי אם שיעור אכילה לשנה אחת, מ"מ ישלח ה' את הברכה באסמיהם שיאכל קמעא ומתברך במעיו, עד שתספיק התבואה לשלש שנים, מדקאמר וְעָשָׂת אֶת 'הַתְּבוּאָה' בה"א הידיעה, והיה לו לומר ועשת 'תבואה' לשלש שנים. אלא שרמז בה"א הידיעה שאותה התבואה שהיא רגילה לעשות מידי שנה בשנה כן תעשה גם בשנה הששית, ויוסף ה' כח בארץ עד שאותה התבואה תספיק לשלש שנים. וזה ודאי נס נגלה וגדול מכולם. ועל ידי כל המופתים הללו אשר שמתי בידך תדע כִּי לִי הָאָרֶץ (שם, כג). ועל ידי זה יהיו עיניך נשואות אל ה', כמו שמצינו בירידת המן ליומו כדי שיהיו עיניהם נשואות אל ה' תמיד ויבטחו בו תמיד, **כך ענין השמיטה שלא יעבדו האדמה כל שנה שביעית** אין זרע ואין קציר, ויסמכו על הנס. וזה טעם נכון וברור יותר מכל מה שדברו בו המפרשים.

ולפי זה דין הוא **שיתחייבו גלות בעון השמיטה, מצד חסרון האמונה שבהם,** כי לא האמינו בה' ולא בטחו בישועתו (תהלים עח, כב) שיעשה להם נס כזה בעשיית התבואה לשלש שנים, וכמו שנאמר (ירמי' ה, א) שׁוֹטְטוּ בְּחוּצוֹת יְרוּשָׁלַיִם וּדְעוּ וּרְאוּ אִם יֵשׁ אִישׁ מְבַקֵּשׁ אֱמוּנָה וְאֶסְלַח לָהּ. **גם הארץ עצמה תקפיד על זה מאד, כי**

KolSatmar.com

ער פרעגט די קַשְׁיָא ביי שְׁמִיטָה, פאַרוואָס [בַּעֲון שְׁמִיטָה] גוֹלִים, פרעגט ער און אַז ס׳קומט גוֹיִם האַלטן זיי דען יאָ שְׁמִיטָה? זאָגט ער [אַז] גוֹיִם אינטערעסירט נישט [פאַר] אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז זיי זינדיגן, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וויל נישט גוט מאַכן די גוֹיִם, נאָר אידן טוט זייער וויי פאַר ארץ ישראל, חלילה אַז אידן זינדיגן.

דאָס איז דער פעלער, [ועל זה נאמר] וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר[נד].

קו

ולכן ביסוד האומה הישראל שמרו מן השמים שלא יהיו ביניהם רשעים, וכל יורדי מצרים היו כולם צדיקים, וכמבואר בזוהר

איבערדעם קאָן זיין, דאָס איז די זעלבע זאַך.

דאָס איז געווען, דער בורא כל עולמים האָט געפירט נִסֵּי נִסִּים [אַז] ס׳זאָל אַרויסקומען [בלויז] די שִׁבְעִים נֶפֶשׁ, [וואָס] די זענען געווען די יְסוֹדוֹת פון די גאַנצע אוּמָה יִשְׂרְאֵלִית, זיי זענען אַלע געווען כּוּלָם צַדִּיקִים גְּמוּרִים וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט יַעֲקֹב אָבִינוּ [קיין מִצְרַיִם].

אַזוי שטייט דאָך אַרויס דאָ אין מדרש[נה], חכמינו ז״ל זאָגן דאָך אַזוי, אַז די זענען אַלע געווען צַדִּיקִים.

קז

אין זוהר הקדוש שטייט אויך אַזוי[נו], [שעליהם נאמר] וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים (ישעי׳ ס, כא), זיי זענען געקומען אין אַן עַם קְשֵׁי קְדָל[נז], און זיי זענען געבליבן אַלע צַדִּיקִים גְּמוּרִים.

[און] מ׳קאָן דאָך נישט זאָגן [פְּשַׁט בדברי הזוהר, שמפרש] וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים אויף שפּעטער, [שהרי] שפּעטער איז דאָך געווען אַזעלכע וואָס זענען ׳געבליבן׳ אין מִצְרַיִם, וואָס זענען ניטאַמאָל מיטגעגאַנגען [ביציאת מצרים].

מיינט ער דאָך על כרחך [נאָר אויף] די וואָס זענען מיטגעקומען דעמאָלטס מיט יַעֲקֹב אָבִינוּ [קיין מִצְרַיִם].

קח

איבערדעם ביים יְסוֹד האָט דאָס דער בורא כל עולמים נישט געוואָלט צולאָזן [בארץ ישראל, רק נשמות גבוהות של צדיקים][נח].

---

רצונה שיתגלגל זכות זה על ידה לחזק האמונה בה׳ על ידה, ועוד שעל ידי זה יאמינו כי כולם אינן רק אריסים בקרקע והקב״ה בעל השדה, **ובדבר זה הארץ חפיצה שיהיה הקב״ה בעצמו בעלה ואדונה, כי לו ית׳ הארץ.** ובביטול השמיטות, שיחזיקו המה כבעלים בארץ, ראוי הוא שתקפיד הארץ על זה **לכך נאמר** (בחקותי כו, לד) **אָז תִּרְצֶה הָאָרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ. ○ אבל העכו״ם לא תקפיד אם ינהגו בה מנהג הטבעי, כי בלאו הכי כל הנהגתם על פי הטבע ואין בהם אמונה וכו׳.**

[נד] ועיין בזה באורך **בדברי יואל בחקותי** (עמוד תלג), **ובויואל משה** (ב, קמח).

[נה] **בשמות רבה** (א, ב): וְאֵלֶּה שְׁמוֹת (שמות א, א), אמר רבי אבהו, כל מקום שנאמר ׳אלה׳ פסל את הראשונים, ׳ואלה׳ מוסיף שבח וכו׳, ׳וְאֵלֶּה׳ שְׁמוֹת הוסיף שבח על שבעים נפש שנאמרו למעלה, **שכולם היו צדיקים.**

[נו] **בזוהר הק׳ בפרשתן** (דף רטז.): וַיְחִי יַעֲקֹב וגו׳, רַבִּי חִיָּיא פָּתַח וְאָמַר **וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ** וכו׳. דָּבָר אַחֵר, וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים, **דָּא יַעֲקֹב וּבְנוֹי דְּנָחֲתוּ לְמִצְרַיִם בֵּין עַם קְשֵׁי קְדָל, וְאִשְׁתַּכָּחוּ כֻּלְּהוּ זַכָּאִין.** וּבְגִין כַּךְ כְּתִיב לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אֶרֶץ, דְּמִתַּמָּן סְלִיקוּ לִירֵית אַרְעָא קַדִּישָׁא.

[נז] פירוש: עַם קְשֵׁה עֹרֶף. והכוונה בכאן על המצריים.

[נח] דאם לא כן היה נסתבב שהיו עושים חטאים גדולים גם בארץ ישראל, על ידי התערובת שבריבוי עם, כמו שנסתבב אחר כך במדבר על ידי הערב רב, ואז היה הפגם גדול מאוד, וכמו שכתב הרמב״ן ז״ל בפרשת וירא (יט, ה) כי למעלת ארץ ישראל שהוא מנחלת ה׳, אינה סובלת אנשי רשע, כי שם היכל ה׳, ועל כן היה עונש סדום ועמורה גדולה כל כך, ולא עשה ה׳ לשאר אומות ככה, אע״פ שיש באומות רעים וחטאים מאוד, עכ״ד. ומעתה אילו היו חוטאין בארץ ישראל היה הפגם ביסוד האומה גדולה מאוד ח״ו, ולכן היה צורך לנס שלא יתרבו

KolSatmar.com

קט

ומה שבדורות האחרונים נמצאים בארץ ישראל רשעים כאלו, הוא גם כן אסון מר, וזהו סיבת עיכוב הגאולה בימינו בעוה"ר [ואם היה כן בתחלת העמדת הכלל ישראל, היה גרוע הרבה יותר]

**איי שפּעטער אַז דער שָׂטָן איז זיך מִתְגַּבֵּר?**

**איז טאַקע אויכעט אַן אוּמְגְלִיק[נט].**

**וְלוּלֵי זֹאת העט מיר שוין לאַנג גיווען געהאַלטן נאָך די גְּאוּלָה שְׁלֵימָה, ווען נישט דעס וואָס דער שָׂטָן** [האָט זיך פאַרלייגט]**.**

**דאָס איז דער כֹּחַ פונעם שָׂטָן געווען,** [אַז] **מ'זאָל באַזעצן לֹא עָלֵינוּ די רעכטע כּוֹפְרִים גְּמוּרִים - די רְשָׁעִים גְּמוּרִים - אין אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה, זיי זאָלן זיך דאָרט באַזעצן און זאָלן פירן.**

**דאָס איז געווען בעונינו הרבים הֵן הֵמָּה הָיוּ בְּעוֹכְרֵינוּ[ס], דאָס איז עס געווען** [דער סיבת עִכּוּב הַגְּאוּלָה בדור האחרון]**.**

קי

ובייטב לב כבר התאונן על ענין זה בימיו, שעל זה רומז הכתוב הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר 'יִקְרָא' אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, שבעוה"ר יהיו נעשים קרואי העדה בין שלטונות האומות

**דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב זאָגט[סא],** [אויפן פסוק] **הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר 'יִקְרָא' אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים.**

---

בארץ ישראל, ונתרבו רק אחר כך כשירדו למצרים. (דברי יואל).

[נט] אבל בתחלת היסוד של הכלל ישראל שמרו מן השמים שלא יהיה ח"ו כן, כי אָז היה גרוע עוד יותר.

[ס] הוא לשון המורגל בספרים, והיה שגור בפי רבינו. ומקורו כנראה מלשון היהי רצון של החיד"א שאומרים בסוף ההקפות בליל שמחת תורה וז"ל: וּבְכֵן יֶהֱמוּ נָא רַחֲמֶיךָ וכו', וַאֲוִיר אֶרֶץ הָעַמִּים וּבִטּוּל הַטַּהֲרָה וְתֹקֶף גָּלוּת גּוּף וָנֶפֶשׁ הֵן הֵנָּה הָיוּ בְּעוֹכְרֵינוּ, כִּי גָּבַר אוֹיֵב יִצְרֵנוּ הָרַע, וְעָשָׂה אֲשֶׁר זָמַם לְהַדִּיחֵנוּ מִתּוֹרָתְךָ וּמֵעֲבוֹדָתֶךָ וכו'.

[סא] **בייטב לב בפרשתן** (על הפסוק האספו וגו', אות ח): **וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ** [וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים] וגו' (מט, א). **כי חכמים הגידו ברוח הקודש, הנעשה בזמנינו חדשות מקרוב. והוא במדרש** שיר השירים, שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית וגו' וְנֶחֱזֶה בָּךְ, אומות העולם אומרים לישראל עד מתי אתם מתים ונהרגים על אלקיכם, בואו לכם - היינו להנאתכם ולטובתכם - אצלינו, ואנו ממנין אתכם דוכסין אפרכין, [וְנֶחֱזֶה בָּךְ] ואתון אינון מחזותא דעלמא, כדכתיב וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם וגו'. וישראל משיבין, לא אבותינו עבדו עבודה זרה, לא אנו נעבוד עבודה זרה כו', עיין שם. ○ **ועין הרואה תעיד שכן הוא עתה, אשר אומות העולם אומרים שנותנין לנו חירות להיות שרים ושלטונים כמוהם, למען לצאת בעקבותיהם ולהתחבר עמהם לאכול מפתם ולשתות יין נסיכם, וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם ותועבותם להתחתן בם, אבל שומר נפשו ירחק מהם לבל יפול ברשת זו טמנו לו.**

והנה ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא, ולדעתי שזה שאמר עשו ליעקב (וישלח לג, יב) **נִסְעָה וְנֵלֵכָה וְאֵלְכָה לְנֶגְדֶּךָ**, פירש רש"י בשוה לך. **כלומר להיות שרים ושלטונים בינינו, כמוני כמוך. ואמר אליו יעקב יַעֲבָר נָא אֲדֹנִי לִפְנֵי עַבְדּוֹ**, היינו מוקדם במעלות ושררות וממשלת, **וַאֲנִי אֶתְנָהֲלָה לְאִטִּי לְרֶגֶל הַמְּלָאכָה** - מלאכת השמים - **אֲשֶׁר לְפָנַי, וּלְרֶגֶל הַיְלָדִים** להדריכם בדרכי תורה, **עַד אֲשֶׁר אָבֹא וגו'**, כפירוש רש"י שאז תחזור הממשלה לישראל. וזה שאמר שם (שם, ד) וַיִּשָּׁקֵהוּ וַיִּבְכּוּ, **שבכה יעקב על נשיקתו וקרבתו אותו, פן יחטיאנו על ידי זה.** ○ וזה שאמר בלעם (בלק כג, ז) מִן אֲרָם יַנְחֵנִי וגו' לְכָה אָרָה לִּי יַעֲקֹב, פחותי ערך, ואיתא **במדרש** (במדבר רבה כ, ז) **מלשון אוֹרֶה** בתאנים, היינו שילקט אחד אחד לקרבם אליו, ויהיו כמוהו, וּלְכָה זֹעֲמָה יִשְׂרָאֵל, בני עלייה, שהם זועמים עליו ומצטערים. ועל זה אמר (שם, ח-י) מָה אֶקֹּב וגו', כִּי מֵרֹאשׁ צֻרִים אֶרְאֶנּוּ, מיעקב בחיר שבאבות. הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן, בזמן שהם לְבָדָד מובדל מן האומות אָז יִשְׁכֹּן בטח, וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב, היינו בזמן שאינם נחשבים לכלום בין הגוים. מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב, מי יכול למנות ולספור המעלה שישראל נחשבים כעפר לעיני האומות, שעל ידי זה הם נבזים ונמאסים מהתחתן בם. ○ וזה טעם מה שגלו ישראל למצרים, ונגזר עליהם (לך טו, יג) וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם, כדאיתא בזוהר שמות דף ט"ו (ע"א) וז"ל, מדאתילידו ליעקב תריסר שבטין כו' אמר קודשא בריך הוא דילמא ח"ו יתערבון בשאר עממין, מה עבד קודשא בריך הוא, טלטל להו עד דנחתו למצרים דמבזין נימוסיהון, ומבזין להון לאתחתנא בהו ולאתערבא בהדייהון, וחשיבו לון עבדין, גוברין געלין בהון נוקבין געלין בהון, עד דאשתכלל כולא בזרעא קדישא, עכ"ל. ועיין מזה **בנועם מגדים** (פרשת בלק עה"פ כי מראש, ד"ה וזהו).

והנה יעקב צפה כל זה ברוח הקודש, וזהו שנאמר **וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו**, איתא **במדרש** (בראשית רבה צח, ב) קרא לָקֵל להיות עם בניו, כלומר לשומרם ולהצילם משטף מים רבים של אומות העולם. רבי פינחס אמר זימנו

KolSatmar.com

[דהנה] ס'שטייט אין מדרש רבה אין שיר השירים[סב] [בפסוק] שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית שׁוּבִי שׁוּבִי וְנֶחֱזֶה בָּךְ (שיר השירים ז, א), די אומות העולם זאָגן [פאַר אידן] קומט צו אונז, וְנֶחֱזֶה בָּךְ, מ'וועל מיר דיך מאַכן - [מלשון] וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם (יתרו יח, כא) - מ'וועל מיר דיך מאַכן פאַר רָאשִׁים, וּמַלְכִין וְשִׁלְטוֹנִין, וועל מיר דיך גרויס מאַכן.

און אידן ענטפערן מַה תֶּחֱזוּ בַּשּׁוּלַמִּית (שם) אונז ברויך מיר נישט, כִּמְחֹלַת הַמַּחֲנָיִם, נאָר מְחִילַת עֲוֹנוֹת ברויך מיר אונז, עפּעס אַנדערש נישט.

אַזוי שטייט אין מדרש רבה שיר השירים.

[ובזה מפרש בייטב לב את הפסוק] הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר 'יִקְרָא' אֶתְכֶם, מ'וועט ענק מאַכן פאַר 'קְרוּאֵי' הָעֵדָה[סג], בְּאַחֲרִית הַיָּמִים.

אַזוי שטייט אין ייטב לב.

קיא

ואף שבימיו עדיין לא היה ממש כן, אבל כנראה שאמר כן ברוח הקודש על המצב הדורות האלו

ער האָט דאָס געזאָגט בְּיָמָיו, [וועגן] ס'איז געווען פָּשׁוּט אַזוי, ביי די אוּמּוֹת הָעוֹלָם זענען זיי [הרשעי ישראל] געוואָרן 'פָּרִיצִים' וכדומה, אָבער ס'איז נאָכנישט געווען בְּיָמָיו [כמו שהוא עתה].

[אמנם] קאָן זיין ער האָט דאָס אויך געמיינט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ, ער זאָגט עס נישט אַרויס. [וואָס] בעונינו הרבים, בְּיָמֵינוּ האָב מיר דערזען די צָרָה [במילואה, שהרשעי ישראל הקימו להם ממשלה ומלוכה שלא כדת, און] דאָס כאַפּט אַריין [שמושך את לב ההמון], מ'וויל ווערן 'יִקְרָא' אֶתְכֶם, מ'וויל ווערן קְרוּאֵי הָעֵדָה, [און] שִׁלְטוֹנִים, מ'מישט זיך אַריין [בין שלטונות האומות] בעונותינו הרבים, און דאָס פאַרפירט דעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און דאָס ברענגט די אַלע צָרוֹת, די אַלע צָרוֹת וּמְהוּמוֹת וואָס מ'ברענגט אויף אידן.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם, [ער] זאָל דערלייכטן אידישע אויגן, מ'זאָל זיך היטן פון דעם וועג. [כי] בעונינו הרבים הֵן הֵמָּה הָיוּ בְּעוֹכְרֵינוּ.

קיב

ישוב קושיא י

ובזה יובן היטב גם הכתוב כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ 'שָׁם', כי הריבוי עם לא היה אפשר להיות רק במצרים, אבל לא בארץ ישראל

דאָס קען זיין [במה שנאמר ליעקב כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם].

מֵעִיקָּרָא אָן [בתחלת היסוד של הכלל ישראל, השגיחו מן השמים, שלא יהיו נמצאים בארץ ישראל נשמות של רשעים].

---

עם בניו, כלומר שיקבלו עליהם עול מלכותו, ולא יטמעו בין האומות. וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ, להתאסף יחד בלב אחד להיות מובדל מן אומות העולם, כי וְאַגִּידָה 'לָכֶם', בזה רָמַז והגיד מה שיאמרו אומות העולם בואו 'לכם' אצלינו, והיינו אֵת אֲשֶׁר 'יִקְרָא' אֶתְכֶם - אומות העולם - בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, להיות 'קרואי' העדה, חשובים ושרים ושלטונים, בזמנינו זה שהוא אַחֲרִית הַיָּמִים קרוב לגאולה. ולזה קרא לָקֵל לשומרם, והזמינם לקבל עול מלכות שמים באמת, לבלי להתערב עמהם, שלא לאכל פתם ויינם.

[סב] בשיר השירים רבה (ז, פסוק א, סימן ב). וכבר הובא לשון המדרש שם בתוך לשון הייטב לב דלעיל.

ועיין זה גם בתנחומא פרשת במדבר (סימן יא) [וכעין זה בבמדבר רבה (ב, ד)] וז"ל: אמרו להם האומות שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית, מהו שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית, הִדָּבְקוּ לָנוּ וּבֹאִי לָךְ אֶצְלֵנוּ, ואנו עושין אתכם שִׁלְטוֹנִים וְדוּכְסִין וְהֶגְמוֹנִים, שׁוּבִי שׁוּבִי וְנֶחֱזֶה בָּךְ, אין וְנֶחֱזֶה אלא שררה, שכן יתרו אמר למשה וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם. וישראל אומרים להם מַה תֶּחֱזוּ בַּשּׁוּלַמִּית, ומה גְּדֻלָּה אתם נותנין לנו, שמא כִּמְחֹלַת 'הַמַּחֲנָיִם', שמא אתם יכולין ליתן לנו כגדולה שנתן לנו אלקינו במדבר, בדגל מחנה יהודה דגל מחנה ראובן דגל מחנה אפרים דגל מחנה דן, יכולים אתם לעשות כך לנו, מַה תֶּחֱזוּ בַּשּׁוּלַמִּית, שמא 'כִּמְחֹלַת' הַמַּחֲנָיִם, ועוד כשאנו חוטאים והוא 'מוחל' לנו וכו'.

[סג] לשון הפסוק בפרשת במדבר (א, טז): אֵלֶּה קְרוּאֵי הָעֵדָה. ובפרשת פינחס (כו, ט): הוּא דָתָן וַאֲבִירָם קְרִיאֵי הָעֵדָה.

KolSatmar.com

איבערדעם דאָס קען מען דאָך זען פָּשׁוּט בְּפֵירוּשׁ, ס'איז געשען נִסִּים [שלא יתרבו מתחילה בהיותם בארץ ישראל. ווייל] מ'האָט נישט געוואָלט אַראָפּשיקן [אַזעלכע נשמות].

[אָבער] אַז מ'איז געקומען קיין מִצְרַיִם, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה, פאַרוואָס, כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ 'שָׁם', דאָס קען איך נאָר דאָרט, אַז ס'זאָל אַראָפּקומען אַ גּוֹי גָּדוֹל.

קיג

והצורך של הריבוי עם אף באופן כזה, כי כן הוא הצורך לתיקון השלם, שירדו כל הנשמות הצריכין לירד זה לעומת זה, ועל ידי גודל הנסיונות באים לידי תיקון השלם במשך הדורות

ס'מוז אַראָפּקומען [צום סוף אַלע נְשָׁמוֹת, וכמו שאמרו][סד] אֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּכְלוּ כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבַּגּוּף, מוזן אַראָפּקומען אַלע נְשָׁמוֹת [אשר ביניהם מצוי] פאַרשידענס, צווישן דעם רִבּוּי עָם איז דאָ פאַרשידענס, [ווייל] דער כֹּחַ הַיֵּצֶר און דער שָׂטָן איז זייער גרויס, ס'איז אַזוי באַשאַפן געוואָרן די וועלט, דאָס איז 'דער תִּיקּוּן' גייט דאָך אויך נאָר דורך דעם, ווייל ס'איז אַזוי שווער, [אַז מ'זאָל זיך דערהאַלטן] דעם ביסל אידן [בתוך רִיבּוּי עַם כזה].

דורך די שוועריגקייטן [איז דאָך דער תיקון], דאָס איז דאָך דער דֶּרֶךְ.

קיד

און דער סוֹף וועט דאָך זיין, דער בורא כל עולמים וועט העלפן נאָך בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וועט מען זען די אַלע עִנְיָנִים [מה שתוקף הנסיונות היה בזה צורך להתיקון השלם]. אַלעס וואָס מ'האָט נישט פאַרשטאַנען, וועט מען זען אַז ס'האָט אַזוי געברויכט צו זיין, [און] פאַרוואָס דאָס איז.

עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ, וואָס אונז פאַרשטייט מיר נישט.

קטו

אָבער על כל פנים דאָס איז דאָס ענין [מה שנתרבו במצרים ולא בארץ ישראל].

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, [דבכדי] מ'זאָל אַהערשטעלן אַ גּוֹי גָּדוֹל, אַזאַ רִבּוּי עָם, איז דאָ פאַרשידענס [ביניהם, און] דאָס קען נאָר געשען דאָרטן.

קטז

## ישוב הקושיות בפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב

### התחלת ישוב קושיא ה

וזה סמיכות הפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב, לסוף פרשת ויגש שנאמר שם וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, וכתב שם התרגום יונתן שבנו בתי מדרשים. כי הפשוטי עם שלא הבינו העתידות, היה להם נחת ושמחה ותפנוקי מלכין מזה. ומשמיענו הכתוב כי גם יעקב אבינו היה לו חיים מזה, כשראה העמדת וריבוי הכלל ישראל [ואף שהבין מה שיהא נגרם מהריבוי עם, אבל הוא ראה גם צורך התיקון שבזה, וסוף התכלית שיצא מכל זה, וכדלהלן]

איבערדעם היצט קאָן מען פאַרשטיין [ההיקש שבדברי הזוהר].

ס'שטייט [בסוף ויגש] וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד. [און אויף] וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ זאָגט דער תרגום יונתן[סה], זיי האָבן געבויעט בָּתֵּי מִדְרָשִׁים און בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת.

---

[סד] בגמרא יבמות (סג:), ועוד: אמר רבי אסי, אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף [פירש"י: 'גוף'. פרגוד שחוצץ בין שכינה למלאכים, ושם רוחות ונשמות נתונות שנבראו מששת ימי בראשית, העתידות להנתן בגופים העתידים להבראות], שנאמר (ישעי' נז, טז) כִּי רוּחַ מִלְּפָנַי יַעֲטוֹף וּנְשָׁמוֹת אֲנִי עָשִׂיתִי [יַעֲטוֹף לשון עכבה, כדכתיב (ויצא ל, מב) וְהָיָה הָעֲטֻפִים לְלָבָן, ורישיה משתעי בגאולה, כִּי לֹא לְעוֹלָם אָרִיב וגו'].

[סה] בתרגום יונתן (ויגש מז, כז): וִיתֵיב יִשְׂרָאֵל בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם, וּבְנוֹ לְהוֹן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁין וּפַלְטִין בְּאַרְעָא דְגֹשֶׁן,

KolSatmar.com

זייער אַ גוטע זאַך ! זייער אַ פיינע זאַך ! דאָס ברענגט אַרויס, דאָס נעמט צונעזאַם דעס ביסל אידן, דאָס האַלט צוזאַם. [ולכן הפשוטי עם היה להם תפנוקי מלכין וחיי נחת ותענוג מזה].

אַז ס'איז אָבער וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, [איז דאָך] צווישן דעם רִבּוּי עָם, [ווען] ס'איז געווען [שוין] דער גאַנצער כְּלַל יִשְׂרָאֵל איז געווען, די שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן זענען דאָרט געווען, [און] די אַלע נְשָׁמוֹת זענען געווען אויסגעמישט, ס'איז נאָכנישט געווען קיין הִתְחַלְּקוּת, [איז] מִי יוֹדֵעַ וואָס מ'האָט אַריינגעברענגט אין די בָּתֵּי מִדְרָשִׁים - אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט[סו] - די אַלע צוּרוֹת רָעוֹת [וואָס ווערן באַשאַפן] פון די מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת. [וא"כ היה סברא שיעקב היה לו רק צער מזה, כשראה מה שיוגרם ע"י הריבוי עם במשך הדורות].

קיז

איבערדעם דערנאָך זאָגט ער וַיְחִי יַעֲקֹב, דעם נַחַת וואָס ער האָט געהאַט, ווייל ער האָט געזען דעם תַּכְלִית [שיבוא עוד מזה. וכמו שיבואר להלן]. (המשך וסיום ישוב קושיא ה, באות קמב)

קיח

ישוב קושיא ד

אמנם שאר הבני עלייה שבאותו דור, שלא ראו עד הקץ כמו יעקב אבינו, אבל הבינו מה שיהא נגרם על ידי הריבוי עָם, הם היו שרויים בצער גדול כשראו מה שעלול להיות מזה, וגודל הנסיונות שיתרבו לאחר פטירת יעקב אבינו

לאָמיר נאָר זען.

דער אֱמֶת, די זַכֵּי הָרְאוּת די האָבן געזען, פון דעם רִבּוּי עָם האָבן זיי געזען דאָס געמישעכטס, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען [פון פאָראויס] וואָס ס'וועט אַרויסקומען.

דאָרט ליגן די אַלע פְּשָׁטִים [בטעמי הסתימה].

זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָ וועט אַרויסקומען, [און] אַז ס'וועט נִסְתַּם ווערן די מַעְיְנוֹת הַחָכְמָה, דורך דעם תַּעֲרוֹבֶת וואָס ס'איז דאָ אין אידן.

קיט

כי לפי האמור שרק אחד מששים רבוא יצאו, נמצא שלכל איש כשר וצדיק, היה עוד לנגד ששים רבוא אנשים שלא היו כהוגן, ואם כן בודאי היה להם נסיונות כבדים ועצומים מזה

[דאָס] קאָן מען דאָך פאַרשטיין, [אַז ס'איז געווען] איין איד צווישן שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן[סז] וואָס ער האָט זיך געהאַלטן ביי אידישקייט, [אין די צייט וואָס] זיי זענען נאָך געווען אָן תּוֹרָה [און] אָן אַלעמען, און זיי זענען געווען מְשׁוּקָעִים אין מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, [און] ס'איז געווען צווישן אידן אַליין, שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן אַקעגן איין איד איז געווען וואָס זענען געגאַנגען אין אַ שלעכטן דֶּרֶךְ, [קאָן מען דאָך פאַרשטיין] וואָס דאָס ברענגט אַריין אַ כֹּחַ [של השפעות זרות, ועד כמה גדולו הנסיונות להכשרים שבישראל].

קכ

וזכי הראות כבר ראו כל זה מתחילה, עוד בימי יעקב אבינו, כשראו הנשמות שונות שכבר נתערבו אָז בתוך הריבוי עם, ומה שעתיד עוד לצאת מהם, וזהו סברת רבי יעקב בזוהר שנסתמו עיניהם ולבם

[ואותן שהיו זַכֵּי הָרְאוּת, וראו את הנולד], זיי האָבן שוין געזען [פאָראויס] 'וואָס' דאָ קאָכט זיך אויס, 'וואָס' דאָ וועט ווערן, איז 'שוין' [געווען] נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם, [ווייל]

---

וְאַחְסִינוּ בָהּ אַחְסָנַת חַקְלִין וּכְרָמִין, וּנְפִישׁוּ וּסְגִיאוּ לַחֲדָא. [ועיין בפי' יונתן שם: בָּתֵּי מֶדְרָשִׁין. יש לומר דדרש מלת וַיֵּשֶׁב מלשון ישיבה, שבנו בתי מדרשות, וּפַלְטִין, להחזיק ישיבה].

[סו] לעיל באות עג-עה (הנדפס בחלק א' של הקונטרס).

[סז] כדלעיל (באות צג) שרק אחד מששים רבוא יצאו.

KolSatmar.com

**זיי הָאבְּן שוין געזען אַז די מַעְיְנוֹת הַחָכְמָה וועלן פאַרשטאָפּט ווערן, און זיי הָאבְּן געזען אַז ס'וועט נאָכקומען אַ שִׁעְבּוּד.**

[וזהו סברת **רבי יעקב** בזוהר, שמפרש בטעם הסתימה שנסתמו עיניהם ולבם, ופירשו המפרשים (כדלעיל באות ח) דהוא על שנסתמו מהם מַעְיְנוֹת הַחָכְמָה, והיינו שכבר ראו מה שעתיד להיות במשך הזמן שיהא נגרם סתימת מעיינות החכמה על ידי הריבוי עם, וגודל הנסיונות שיוצמח מזה].

קכא

ורבי יהודה בזוהר סובר כסברת המדרש ורש"י דסתימת עיניהם ולבם הוא מִצָּרַת הַשִּׁעְבּוּד, והכוונה על שעבוד רוחני שעל ידי שר של מצרים ושרי האומות, וכן המלאכים שנבראים מהעוונות, שיש להם כח המושל והמשעבד על האדם

[ומה שהוסיף **רבי יהודה** בזוהר לפרש שנסתמו עיניהם ולבם פונעם] **שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם,** [וכן לפירוש הראשון **ברש"י והמדרש**], **קען אויך זיין די זעלבע.** [שהבינו מה שעתיד להיות נגרם כן על ידי הריבוי עם].

[והכוונה על שעבוד הרוחני, וואָס איז דורך] **דער שַׂר מִצְרַיִם**[סח], [און] **די אַלע שָׂרִים מיט די מַלְאָכִים וואָס זענען בּאַשאַפן געוואָרן, וואָס זיי ווערן בּאַשאַפן פון די עֲוֹנוֹת,** [וואָס] **די זענען 'מוֹשֵׁל' אויפן מענטש** [ומשעבדים בו, ומכריחין אותו לחטוא יותר ח"ו].

קכב

וכעין המבואר באור החיים הק' פרשת שופטים, בפסוק וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב 'מִמְּךָ', שהם כוחות הרע הנבראים מצד מעשיו הרעים של האדם, שהם מסיתים אותו לחטוא יותר ח"ו

**ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט**[סט], [בפסוק] **כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה** [עַל אֹיְבֶךָ] **וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב 'מִמְּךָ',** [אַז] **עקסטערדעם וואָס ס'איז דאָ די כּוֹחוֹת הַיֵּצֶר** [המכונים למלחמה כסוס ורכב], **בּאַשאַפט מען זיך** [אויך] **אַליין, די** [כוחות הרע] **וואָס זיי ווערן בּאַשאַפן פון די עֲבֵרוֹת**[ע], **און די זענען מַכְרִיחַ צו זינדיגן**[עא], [ועל זה נאמר] **וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב 'מִמְּךָ'.**

---

[סח] ועיין בזה גם להלן באות קלז.

[סט] **באור החיים הק'** פרשת שופטים (כ, א): כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וגו'. אולי שרמז הכתוב מלחמת האדם עם יצרו, ובא להסיר מלבבו מורך, ואמר כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה הידועה שאין גדולה ממנה [שהיא מלחמת היצר הרע], והנה במלחמה זו יש שני דברים קשים לאדם שמתישים כוחו, א', הוא שאינו מלומד במלחמה כמו שהוא מלומד ורגיל במין מלחמה זו יצרו הרע, ב', שהרכבת האדם חובקת דברי היצר וכו', **ומה גם אחר שנכשל בעבירות רבות שיתוספו כוחות הרע שנולדו ממעשיו הרעים** כמו שפירשתי במקומות אחרים (עי' ראה יג, ז. ומובא להלן), והרי הוא ביניהם כַּחֲרָרָה שאין לה הופכין. ○ לזה בא דבר ה' כאן, ואמר כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וְרָאִיתָ בְּעֵינֵי שִׂכְלְךָ סוּס וָרֶכֶב, סוס כנגד מה שהוא היצר סוס מוכן למלחמה, מה שאינו כן האדם, רֶכֶב כנגד הרכבת האדם שנוטה וחושקת לדברים. ואומרו עַם רַב 'מִמְּךָ', **כנגד כוחות הרע שניתוספו ממנו מצד מעשיו הרעים** כמו שאמרנו. אף על פי כן בא דברו הטוב ואמר לֹא תִירָא מֵהֶם, והטעם הוא כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ, פירוש הן אמת אם היית בא למלחמה 'בכחך' אין בך כח לעמוד במלחמה זו, אבל כיון שה' אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ, **כחו גדול להצילך, כי כשבא אדם ליטהר,** יְמִינוֹ יתברך מקבלתו, ונדבק לה', והוא יכניע מְצִירָיו. וגמר אומר הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, כי זה מופת חותך כי ה' מְפָרֵק הקליפה מן הקדושה ומבררה, **והוא סוד העלאת ישראל ממצרים** כידוע ליודעי חן, **וזה לך האות, כדי שתתחזק במלחמה.**

[ע] ועיין בזה **באור החיים הק'** פרשת ראה (יג, ז) וז"ל: **דע כי יש מֵסִית שבא עם האדם מיום היותו בעולם** [והוא היצר הרע], וכאומרם ז"ל (סנהדרין צא:) בפסוק לפתח חטאת רובץ (בראשית ד, ז), והוא מסית להאדם להרע. ○ **עוד יִוָּלֵד באדם כח מסית ב', באמצעות העבירה,** אם עבר על מצוה אחת תוליד בו כח החפץ רֶשַׁע, והוא סוד מאמר עבירה גוררת עבירה (אבות ד, ב), והאריכו בזה אנשי אמת, **לומר כי על ידי עבירה אחת קונה קטיגור אחד, ונוסף גם הוא על כח הרע הראשון להחטיאו,** וכן שנים, וכן שלשה, **כי ירבה לחטוא יגדל בו ההסתה,** ולטעם זה אמרו (ברכות לד: וסנהדרין צט.) מקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד. ○ **עוד באמצעות נטות האדם לדרך לא טוב,** יסובבנו קנות **כח ג' שהוא נפש רעה,** כדרך שיזכה האדם בתוספת 'נשמה יתירה' בהתעצמותו בדרכי ה', כמו כן באמצעות דרכים הרעים יקנה 'תוספת נפש רעה' להחטיאו. ○ **עוד יוסיף מזה גדר ד', והוא להכנס נפשו בגדר אחרת שאין למעלה ממנה, והיא שנפשו תתחבר ותשתתף עם חלק הרע,** ותשוה לו בטבעה, וזה הוא גמר החלט נפש אדם לכפור בעיקר ולעבוד עבודה זרה וכו'.

KolSatmar.com

[ועל זה אמר הכתוב] **לֹא תִירָא מֵהֶם, דאַרף מען געדענקען און קלערן וויאַזוי קען מען דאָס בייקומען, נאָר מ׳זאָל זיך פאַרלאָזן אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט געהאָלפן אין מִצְרַיִם ..** [כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם][עב].

קכג

## דברי התעוררות לימי השובבי״ם

### על פי דברי האור החיים הק׳ בפרשת שופטים

**נאָר איין זאַך איז** [נאָך] **דאָ דערינען** [כדי שיזכה האדם לסיום הכתוב לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ].

**טאַקע אֱמֶת, אַז מ׳איז זוֹכֶה אַז מ׳טוט תְּשׁוּבָה, העלפט דער בורא כל עולמים. נאָר ער זאָגט אָבער איין זאַך, ׳וְרָאִיתָ׳, דו וועסט עס זען.**

[און] **בעונינו הרבים אַז מ׳קומט אַריין** [אין בית המדרש, און] **מ׳זעט עס ניטאַמאָל.**

**מֵילָא מ׳איז נישט זוֹכֶה צו ׳זען׳ מיט די אויגן.**

**צו דעם דאַרף מען שוין האָבן ׳אויסגעהאָרעוועטע אויגן׳, מ׳זאָל זען וואָס ס׳טוט זיך.**

**אָבער** [דאַרף מען האָבן כאָטש] **די אֱמוּנָה שְׁלֵימָה** [בדברי הצדיקים שהעידו על זה], **מ׳זאָל עס ׳האָבן׳ פאַר די אויגן, מ׳זאָל זיך ׳פאָרשטעלן׳ פאַר די אויגן, ׳וואָס׳ איך האָב אָנגעאַרבעט מיט מיין אויפפירעכטס.**

קכד

**מ׳זאָל זיך באַרעכענען:**

**פון די יוגענט אָן, פון די יוגענט אָן ממש, פון קינדווייז אויף.**

**פון קינדווייז אויף, ׳וואָס׳ מ׳האָט אַלץ אָפגעטון, וואָס מ׳האָט געפירט אַ ווערטשאַפט, וואָסערע בְּרוּאִים מ׳האָט באַשאַפן** [אין] **די אַלע צייטן** [וואָס מ׳איז אַדורך].

**מ׳זאָל זיך באַרעכענען** [דערין].

**אַז מ׳האָט עס ׳פאַר די אויגן׳,** [וכמאמר הכתוב] **וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד** (תהלים נא, ה)**, אַז מ׳זעט עס, מ׳האָט עס נֶגְדִּי תָמִיד**[עג]**, דעמאָלטס קאָן מען זיך פאַרלאָזן אַז דער באַשעפער וועט העלפן.**

---

[עא] עיין באור החיים הק׳ פרשת תבוא (כו, ז): ואומרו וַנִּצְעַק אֶל ה׳, כאן רמז שצריך האדם להתפלל לה׳ בכל יום שיצילהו מיצר הרע, והוא אומרו וַנִּצְעַק אֶל ה׳ וגו׳. ואומרו וַיִּשְׁמַע ה׳ אֶת קֹלֵנוּ וגו׳, פירוש הגם שה׳ הוא שברא יצר הרע, לבחון האדם בעבודת בוראו, אף על פי כן כשצועקים אליו שומע קולם, מטעם שראה את הרשום [בכתוב] שהוא עָנְיֵנוּ, וַעֲמָלֵנוּ, וְלַחֲצֵנוּ. העוני, הוא אפיסת כח הלוחם, שאין כח בנו המספיק להלחם בו לגרשו ממנו. העמל, הוא שאנו צריכין לעמול במלחמתו. הלחץ, הוא הדחק שדוחק היצר את האדם לחטוא בעל כרחו, ולשלש סיבות [אלו] שמע ה׳ את קולנו.

[עב] ועיין בזה גם בס״ג ויחי תש״כ (לשון קדשו פג, אות מג) שמביא דברי האור החיים הק׳ אלו. ובס״ג ויחי תשט״ז (לשון קדשו רכ, אות כז-כט) מביא זאת בשם הזרע קודש פרשת שופטים שפירש גם כן כך.

וז״ל הזרע קודש שם: וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ. יש לפרש על כוחות הסטרא אחרא, וז״ש ׳מִמְּךָ׳, שאתה בְּרָאתָם על ידי עוונותיך, לֹא תִירָא מֵהֶם, לאמר איך אשוב על כל עוונותי המרובים, וזהו שנאמר כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ, כי אלמלא הקב״ה עוזרו כו׳ (קידושין ל:), ואצלו ית״ש אין חילוק בין רב למעט, וזהו שאמר הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, שהיה הגלות דווקא במקום ערות הארץ, להעלות הניצוצי קדושה.

[עג] ועיין בס״ג צו זכור תשכ״ז (לשון קדשו רסח ח״ג, ודברי יואל צו עמוד קמא) בביאור פסוק זה, בשם הרה״ק מלובלין זי״ע. ועיין עוד בלשון רבינו בשו״ת דברי יואל (סימן ל אות א, וסימן לז סוף אות יא).

KolSatmar.com

קכה

איבערדעם זאָגט ער כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה 'וְרָאִיתָ', דו וועסט עס זען.

קכו

נאָר אַז מ'זעט עס גאָרנישט, מ'האָט עס נישט אינזין, מ'שטעלט זיך נישט פאָר, [און] מ'רעדט זיך איין [אַז] שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי (נצבים כט, יח), מ'באַרעכנט זיך גאָרנישט, מ'האָט נישט דעם חֶשְׁבּוֹן. [אָז לא נאמר הבטחה זו].

קכז

[אָבער] אַז מ'האָט דעם חֶשְׁבּוֹן [פאַר די אויגן], העלפט דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

[און] דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל טאַקע העלפן, מ'זאָל מיר נאָך די זְכִיָּה האָבן [לתקן מה שפגמנו, ולשוב בתשובה שלימה].

קכח

איבערדעם זאָגט ער [גם בפסוק אחר שבפרשת עקב (ז, יז-יח)] כִּי תֹאמַר 'בִּלְבָבְךָ' רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה, [שתתבונן בלבבך] דאָס איז אַלעס 'מִמֶּנִּי', איך בין מיר דאָס אַליין שולדיג.

דעמאָלטס לֹא תִירָא מֵהֶם, [רק זָכֹר תִּזְכֹּר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפַרְעֹה וּלְכָל מִצְרָיִם וגו'].

דאָס איז אויך די זעלבע זאַך [כענין הפסוק שבפרשת שופטים, כפי מה שמפרשו באור החיים הק'].

קכט

התחלת ישוב קושיא א

איבערדעם קאָן זיין איז דאָס אַלעס פאַרענטפערט, [כל הסתירות והטעמים שבענין הסתימה בפסוק] וַיְחִי יַעֲקֹב. (עיין קושיא א). (ההמשך לזה, להלן מן אות קלז)

קל

ישוב קושיא ו

הירידה בפועל, ושעבוד הרוחני, התחיל לאחר שמת יעקב. אבל זכי הראות ומביני מדע כבר ראו שורש והתחלת הירידה עוד בחיי יעקב, כשראו הששים רבוא שנולדו בחייו, אשר בתוכם היה מעורב גם נשמות נמוכות, והבינו מה שעלול לצמוח עוד מזה

לאָמיר זען.

די אַלע זאַכן האָבן זיך אָנגעהויבן משמת יעקב, ס'איז געווען נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם, דורכן תַּעֲרוּבֹת [שהיה בתוך הריבוי עם].

[אָבער] דער אֱמֶת האָט זיך דאָס אָנגעהויבן, פון וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד האָבן זיי שוין געזען [וואָס ס'וועט נאָכקומען], צווישן שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן [איז שוין דאָ פאַרשידענס], אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט.

קלא

כי גם מאותן ס' רבוא שבימי יעקב היה הרבה מהם בסוג זה של אותן אנשים שלא זכו לצאת ממצרים. כי בוודאי הס' רבוא יוצא מצרים, לא היו אותן ס' רבוא שבימי יעקב, שהרי בינתיים עברו מאתים שנה, והם היו מבני כ' ולמעלה

ס'מוז דאָך זיין [אַז] ס'איז שוין געווען אַריינגעמישט פון 'די', וואָרן איך קען דאָך נישט זאָגן אַז די גאַנצע שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן [שהיו בימי יעקב] זענען אַרויסגעגאַנגען דערנאָך פון מִצְרַיִם, וואָרן ס'איז דאָך נישט געווען [אַזוי].

[שהרי] ס'איז דאָך אַ מַעֲשֶׂה פון איבער צוויי הונדערט יאָר [עד שיצאו ממצרים], העט דאָך געדאַרפט צו זיין [כולם] בלויז זְקֵנִים, [ובאמת] ס'איז דאָך נִמְנֶה געווען [חשבון הס' רבוא] מִבֶּן כ', מ'האָט דאָך געציילט די שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן יוֹצְאֵי מִצְרַיִם איז דאָך נִמְנֶה

KolSatmar.com

[מבן כ׳, ווי] אין פסוק זעט מען דאָך (בא יב, לז. תשא ל, יד) [אַז] מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה האָט מען זיי געציילט, [און] די זענען געווען אַ חֶשְׁבּוֹן פון די שִׁשִּׁים רִבּוֹא.

און אַז ס׳איז געווען די וואָס זענען געווען נאָך אין יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ס צייטן, איז דאָך אַ מַעֲשֶׂה אַ חֶשְׁבּוֹן פון צוויי הונדערט יאָר, קען דאָך נישט זיין אַז ס׳איז ׳די׳.

קלב

אלא מאי מוז דאָך זיין אַז צווישן ׳די׳ [ששים רבוא שהיו עוד בימי יעקב] איז ׳אויך׳ שוין געווען אַזעלעכע וואָס זענען געבליבן דאָ אָט [במצרים, הם וכיוצא בהם], איז געווען אַ גרויס טייל [שלא היו ראויים לצאת, אלא שמאותן המועטים שהיו ראויים לצאת נתרבו עוד אחר כך עד שנצטרף לששים רבוא בשעת יציאת מצרים]. מוז איך זאָגן נאָר אַז בְּמֶשֶׁךְ פון אַלע יאָרן איז געווען צוזאַמען שִׁשִּׁים רִבּוֹא אידן [שיצאו ממצרים].

ממילא ביים וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, די זַכֵּי הָרְאוֹת האָבן שוין געזען [דעמאָלטס] וואָס דאָ וועט נאָכקומען.

קלג

אלא דאף שהיו ביניהם נשמות כאלו עוד בימי יעקב, מכל מקום עדיין לא יצאה הירידה שלהם אל הפועל, כל זמן שיעקב אבינו היה חי, וכח השפעת קדושתו היה שולט בעולם. כי כל הרואה צורתו של יעקב אבינו, אף אם היה לו לב האבן היה נימוח ונשבר לשברי שברים מגודל קדושתו ויראתו

נאָר וואָס׳זשע דען, ווילאַנג יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געווען אויף דעם עוֹלָם, האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסן כֹּחַ הַשְׁפָּעָה.

נעבן יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ן, האָט מען נאָכנישט געקאָנט פאַרדאָרבן ווערן אַזוי!

מ׳איז צובראָכן געוואָרן אויף ׳אֶלֶף שְׁבָרִים׳, אַז מ׳האָט אָנגעקוקט אַזאַ יַעֲקֹב אָבִינוּ! אַזאַ צוּרָה קְדוֹשָׁה! ווער ס׳האָט די זְכִיָּה געהאַט צו זען!

קלד

דער אֱמֶת, [אפילו נאָר] אַביסל אַז מ׳איז מִתְבּוֹנֵן אין דֶּרֶךְ הָאֱמֶת, צוברעכט זיך אויך דאָס האַרץ.

איבערהויפּט נעבן אַזאַ הַשְׁפָּעַת קְדוֹשָׁה ווי יַעֲקֹב אָבִינוּ, האָט זיך עס נישט געקאָנט פאַרברייטערן [דער ירידת הדור, הנגרם על ידי אותן הנשמות הנמוכות].

קלה

אָבער זיי האָבן געזען אַז די זענען נישט רָאוּי דערצו [אויף להבא].

דאָס איז נאָר אויף דערווייל [כל זמן שיעקב אבינו בחיים, אָבער] דעס וועט נישט אויסהאַלטן[עד] [שפעטער].

אָבער על כל פנים בְּפוֹעֵל האָט מען נישט געקענט טון גאָרנישט [קיין שלעכטס], ווילאַנג יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געווען אויף דעם עוֹלָם.

אָבער זיי האָבן ׳שוין׳ געזען וואָס ס׳וועט זיך טון ׳דערנאָך׳.

קלו

ולכן אף שסתימת עיניהם ולבם של ישראל ממעיינות החכמה [לרבי יעקב], לא היה בפועל אלא משמת יעקב. מכל מקום העמיד הכתוב את הסתימה אצל וַיְחִי יַעֲקֹב, אשר שם נרמז הריבוי עם על ידי היקש הסמיכות לסוף פרשת ויגש. לרמוז כי שורש הירידה והסתימה כבר התחיל בימי יעקב, על ידי הריבוי עם, וזכי הראות כבר היו שרויים אָז בצער על זה

איבערדעם איז רעכט.

---

[עד] פירוש: שלא יהיה לזה קיום לבסוף.

KolSatmar.com

**דער נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם** [ממעיינות החכמה, וכפירוש רבי יעקב, דעס] **איז** [טאַקע] **הערשט געוועזן מִשֶּׁמֵּת יַעֲקֹב. נאָר זיי האָבן דאָס געזען 'שוין' פונעם וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד.**

**די זַכֵּי הָרְאוּת האָבן שוין געזען דעמאָלטס וואָס ס'איז אַראָפּגעקומען** [די ששים רבוא עוד בימי יעקב], **וואָסערע נְשָׁמוֹת זענען אַראָפּגעקומען** [בכלל הריבוי עם].

**האָבן זיי שוין געזען וואָס ס'וועט זיך טון** [שפּעטער].

**איבערדעם האָט דאָרט דאָס פּלאַץ** [צו שטעלן] **די סְתִימָה** (קושיא ו).

**און די אַלע דריי** [פְּשָׁטִים] **זענען איינס.**

קלז

וכן אליבא דמאן דאמר [לרבי יהודה, ולפשט הראשון ברש"י ומדרש] שהסתימה היה מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם משמת יעקב, דהכוונה גם כן על שעבוד הרוחני וירידת הדור, שפיר הועמד הסתימה אצל וַיְחִי יַעֲקֹב מטעם האמור, כי השורש כבר התחיל בימי יעקב על ידי הריבוי עם, וכבר הרגישו המביני מדע בזה

[וכן לרבי יהודה, ולפשט הראשון שברש"י ומדרש, שנסתמו עיניהם ולבם פון] **דער שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם,** [ועדיין לא התחיל השעבוד כל זמן שאחד מן השבטים קיים (קושיא א)]. **מיינט מען אויך ברוחניות.**

[וואָס] **דער שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם, די שָׂרִים הָעֶלְיוֹנִים האָבן מוֹשֵׁל געווען אויף זיי,** [און] **מ'האָט זיי נאָך ווייטער מְטַמֵּא געווען.** [ושעבוד הרוחני כבר 'התחיל' תיכף משנסתלק יעקב].

קלח

**דאָס איז די זעלבע זאַך,** [אַז דאָס] **איז נישט געווען ווילאַנג יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געווען אויף דעם עוֹלָם.** [אָבער] **ווען יַעֲקֹב אָבִינוּ איז נִסְתַּלֵּק געוואָרן, איז דאָס שוין נישט געווען דער כח** [הקדושה חזק כל כך לעמוד כנגדם, וכבר התחיל שעבוד הרוחני במקצת].

קלט

**ישוב קושיא א**

ומכל מקום כל זמן שיוסף הצדיק היה חי, והוא היה מושל במצרים, עדיין לא יכלו כוחות הטומאה למשול כל כך על ישראל. אבל משמת יעקב התחיל שעבוד הרוחני לצאת לגמרי אל הפועל

**פונדעסטוועגן יוֹסֵף הַצַּדִּיק איז** [דאָך נאָך] **געווען אַ מֶלֶךְ, האָט עס נישט געקאָנט אינגאַנצן אַרויסקומען בְּפוֹעַל, איז נאָך אַלץ געווען בעסער ווי נאָך יוֹסֵף הַצַּדִּיק,** [ווען] **ס'איז שוין נישט געווען דער כֹּחַ הַמֶּמְשָׁלָה** [פון יוסף, און] **די מִצְרִיִּים זענען געווען די מוֹשְׁלִים אַלע,** [און] **דער כֹּחַ הַטּוּמְאָה איז שטאַרקער געוואָרן. האָט עס שוין נישט אויסגעהאַלטן.** [ולכן אמרו דהשעבוד היה משמת 'יוסף'].

קמ

ושעבוד 'הגשמי' בחומר ובלבנים, זה לא התחיל כל זמן שאחד מן השבטים היה קיים

[און] **טאַקע דער שִׁעְבּוּד מַמָּשׁ** [בְּגַשְׁמִיּוּת] **איז שוין געווען 'דערנאָך'** [לאחר שמתו כל השבטים].

**מיט דעם זענען די אַלע סְתִירוֹת פאַרענטפערט אין די מדרשים** [בענין התחלת זמן השעבוד].

קמא

**ישוב קושיא ז**

ולטעם השני שברש"י הועמד גם כן הסתימה אצל וַיְחִי יַעֲקֹב, לפי ששם רמוז הריבוי עם כאמור, אשר מזה נצטערו הבני עלייה, ולכן כדי לנחמם רצה יעקב לגלות להם הקץ, כדי שלא יצטערו כל כך בראותם גם התכלית והתיקון מכל זה, אלא שנסתלקה ממנו שכינה ונסתם הקץ מלגלות להם

**דער** [טעם שני שברש"י כי] **בִּקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ, איז טאַקע אויך די זעלבע.**

ער האָט געזען וויאַזוי די דורות רוקן זיך, האָט ער [זיי] געוואָלט מְנַחֵם זיין, האָט ער געוואָלט דערציילן וואָס ס'וועט זיך טון [עד סוף כל הדורות, און] וויאַזוי ס'וועט אויסזעהן ביים קֵץ[עה].

ער האָט אָבער געזען [על ידי שנסתלקה ממנו שכינה] אַז מ'האָט דאָס נישט געטאָרט אויסזאָגן.

[ועל כן הגם] ס'איז טאַקע נאָר געווען דעמאָלטס [סמוך לפטירתו של יעקב], אָבער די כַּוָּנָה [והסיבה על מה שביקש לגלות להם הקץ] איז שוין געווען פון דעמאָלטס אָן, פון דעם וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד. איז דאָס גאַנצע איינס, ס'איז הָא בְּהָא תַּלְיָא די אַלע טעָמִים.

קמב

המשך ישוב קושיא ה

הבני עלייה שראו הנסתרות והבינו העתידות, היה להם צער גדול בראותם מה שנגרם על ידי הריבוי עם, וכאמור.
אבל סתם בני אדם חיו חיי תענוג ותפנוקי מלכין כשראו הריבוי עם, וכמו שדרשו בזוהר בהפסוק שבסוף ויגש

[און] דעס וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט, ער טוט עס צוגלייכן [מה הם היו בתפנוקי מלכין, אף יעקב כן], קאָן זיין אַזוי.

[דהנה] סְתָם בְּנֵי אָדָם, די וואָס זיי האָבן נישט געזען, האָבן געהאַט גרויס תַּפְנוּקֵי מְלָכִין, [ווען] זיי האָבן געזען דעם וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד.

קמג

נאָר די זַכֵּי הָרְאוּת זענען געווען שָׁרוּי בְּצַעַר[עו], [מדאגתם] וויאַזוי וועט מען דורכקומען די נִסְיוֹנוֹת, נעבן אַזאַ געמישעכטס, נעבן אַזאַ מין תַּעֲרוּבֶת. [דהלא] נישט בְּחִנָּם האָט מען דאָס נישט צוגעלאָזט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, [נאָר] מ'האָט דאָס איבערגעלאָזט פאַר מִצְרַיִם. זענען זיי 'שוין' געווען שָׁרוּי בְּצַעַר[עז].

קמד

ואם כן לכאורה היה הסברא לומר שגם יעקב אבינו הצטער על זה, כמו שאר בני עלייה. ולזה משמיענו בההיקש שבזוהר, כי יעקב אבינו חיה גם כן בתענוג ותפנוקי מלכין, דאף שהוא ראה שפיר הנסתרות והעתידות, מכל מקום הוא ראה עוד יותר מהבני עלייה גם את הסוף והתכלית מכל זה לצורך תיקון השלם, ומה שיתוקנו הרבה מהם לעתיד

נו לכאורה [אם כן למה שמח יעקב. והלא] יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט דאָך געזען נאָך מער [הירידת הדורות העתידים להיות נגרם על ידי הנשמות המעורבות שבתוך הריבוי עם].

נאָר לאָמיר'זשע זען. יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט אָבער געזען [אויך] דעם עק וואָס ס'וועט זיין, ביז נאָך די גְאוּלָה אַחֲרוֹנָה, האָט ער געזען וואָס ס'וועט זיך אויסלאָזן, [אַז] פון דעם וועט דאָך אַרויסקומען אַ כְּבוֹד שָׁמַיִם. און דער סוֹף וועט זיין אַז ס'וועט זיך צוטיילן, דער כֹּחַ הַטּוּמְאָה [פון דעם כח הקדושה, און] די וואָס זענען חַס וְשָׁלוֹם אינגאַנצן פון כֹּחַ הַטּוּמְאָה, וועלן בָּטֵל וּמְבֻטָּל ווערן, און [דער] וואָס ס'איז נאָך מעגליך מְקָרֵב צו זיין, וועט נִתְקָרֵב ווערן, ביי קִיבּוּץ נִדָּחִים.

דאָס האָט ער געזען, דעם סוֹף. [וממילא] איז ער אויך געווען בְּתַפְנוּקֵי מַלְכִין, [וכדוגמת] אַזוי ווי די וואָס האָבן נישט געוואוסט 'גאָרנישט'. און ער האָט געוואוסט

---

[עה] כי אָז גם הם לא היו שרויים כל כך בצער, וכדרך שהיה אצל יעקב אבינו עצמו, שהוא ראה גם הסוף והתכלית מכל זה, ולכן הוא לא היה שרוי בצער על זה, וכדלהלן באות קמד.

[עו] וזהו שאמרו נסתמו עיניהן ולבן של 'ישראל', פי' של הבני עלייה הנקראים ישראל, שהם ראו מיד את צרת השעבוד שעתידה לבוא עליהם. (דברי יואל).

[עז] ועיין קרוב לזה באופן אחר בס"ג ויחי תשכ"ב.

**׳אַלעס׳, [ולכן] האָט ער זיך אויך מְחַזֵּק געווען.**

**איבערדעם גלייכט דאָס צי דער זוהר הקדוש[עח], [דלכן] נעמט ער דאָס צוזאַמען איינאיינעם.**

קמה

**ישוב קושיא ב-ג**

[ובזה מבואר גם דברי המדרש **שסתם ממנו כל צרה שבעולם.** לפי שיעקב עצמו כבר ראה גם הסוף והתכלית מכל זה, ולכן לא היה שרוי בצער מזה (ומיושב קושיא ב). וכן אין בזה סתירה לשאר הפשטים (קושיא ג), כי פשט זה מיירי מיעקב עצמו, ושאר הפשטים מיירי משאר אנשים, וכדלהלן].

קמו

**סיום ישוב קושיא א, וקושיא ד-ז**

**נאָר די וואָס זענען געווען זַכֵּי הָרְאוֹת, און זיי האָבן נישט געזען ׳אַלעס׳ אַזוי ווי יַעֲקֹב אָבִינוּ, פאַר ׳די׳ איז געווען דער שווערסטער מַעֲמָד, פאַר ׳די׳ איז געזאָגט געוואָרן די סְתִימָה.**

**איבערדעם האָט מען דאָס צוזאַמגעשטעלט איינאיינעם** [פרשת ויחי עם פרשת ויגש].

**דורך דעם וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, און דורכן וַיְחִי יַעֲקֹב, איבערדעם איז דאָס געווען** [מה שנסתמו עיניהם ולבם].

[און] **איבערדעם איז רעכט פאַרוואָס מ׳האָט די סְתִימָה אַנידער געשטעלט דאָרט.**

קמז

**ישוב קושיא ח – מדברי האלשיך**

**[וישוב קושיא ו - באופן שני]**

באלשיך מבאר דלכן אצל וַיְחִי נאמר ׳יַעֲקֹב׳, ואצל המיתה נאמר ׳יִשְׂרָאֵל׳, כי המעלה העליונה המכונה ישראל זה נסתלק מהעולם, ורק בהבחינה הנקרא ׳יַעֲקֹב׳ הוא שאמרו כי יעקב אבינו לא מת, ועל זה נאמר וַיְחִי יַעֲקֹב, שבחינת יעקב נשאר בחיים גם בזמן הזה

**אויסערדעם** [יש לומר על פי וואָס] **דער אלשיך הקדוש זאָגט[עט], פאַרוואָס שטייט ביי דער מִיתָה יִשְׂרָאֵל, און דאָ שטייט יַעֲקֹב ביים וַיְחִי. זאָגט דער אלשיך הקדוש אַן**

---

[עח] כי היה סברא לומר להיפוך, דאחרי שהשיג יעקב את הירידה הגדולה שיהיה להם במצרים מהתערובת הרע והשיעבוד העתיד לבוא עליהם, היה יעקב שרוי בצער גדול מכל החזיון הזה, וכמו שהיה אצל זכי הראות ובני עלייה שבישראל. ועל כן למד רבי שמעון בזוה"ק מסמיכת הפרשה, וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, שהפשוטי עם הם בודאי היו בתפנוקי מלכין וכו׳ כמו שכתב התרגום יונתן, ולמדו להקיש אליה, מה אינון קיימי בתפנוקי מלכין, אף יעקב קיבל תענוג והיה בתפנוקי מלכין ממה שראה ריבוי העם במה שיצאו ס׳ רבוא מבניו, כי אף שהבין מה שעתיד לבוא מזה עליהם, מכל מקום הוא גם ראה והשיג ברוה"ק צורך התיקון שיש בזה, ומה שלבסוף יוחזרו אל הקדושה ויתרבה הכבוד שמים גם על ידיהם. (דברי יואל).

[עט] **בתורת משה להאלשיך** בפרשתן (מז, כט-לא): וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת וכו׳. ראוי לשים לב. א] מה ענין שַׁנּוֹתוֹ את טעמו, כי בפסוק הקודם קראו יעקב, ופה קראו ישראל וכו׳ [ועיי"ש עוד כמה קושיות]. ○ אמנם לבא אל הביאור, נשים לב אל מאמר רבי יוחנן במסכת תענית (ה:) שאמר יעקב אבינו לא מת, והקשו וכי בִּכְדִי חנטו חנטיא וספדו ספדיא, ומשני מקרא אני דורש, וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב כו׳ וְאֶת זַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם, מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים ע"כ. כי הלא יקשה מה משיב לו על קושייתו באומרו מקרא אני דורש, וכי על שהוא דורש מקרא תתבטל הקושיא, ואדרבה תתבטל הדרשה ההיא וכו׳ [ועיי"ש עוד דיוקים בדברי הגמרא].

ולעמוד על הענין נתעורר על לשון המקרא, כי הלא יפלא כי כל המקום אשר יזכיר המיתה ליעקב, בשם ישראל יכנהו, ובמקום אשר יזכיר גויעה ואסיפה בלי הזכרת מָוֶת, בשם יעקב יכנה אותו. כי הנה נאמר וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אָמוּתָה הַפָּעַם, וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף הִנֵּה אָנֹכִי מֵת, וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת. אך ביעקב לא נאמר רק גויעה, שנאמר וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוּוֹת אֶת בָּנָיו כו׳ וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו. והנה מחמת קושיא זו ראיתי גבר חכם בעוז ותעצומות מתאמץ להעמיד כי גדול גדר שם יעקב משם ישראל, ושעל כן נמצאת מיתה בישראל ולא ביעקב. והלא כמו זר נחשב, והפלא ופלא בלי ספק. ○ אמנם אשר חשבתי למשפט כי נהפוך הוא, כי כאשר נקרא שמו ישראל אז נתוסף ברוחו ונשמתו יתרון אור יקר רם ונשא במאד מאד על אשר היה בו מתחלה. והנה ידוע כי גדר

KolSatmar.com

אַנדערע בחינה, אַז די בחינת יִשְׂרָאֵל איז נִסְתַּלֵּק געוואָרן, אַזוי ווי [בשאר] צַדִּיקִים, נאָר די בְּחִינָה פון יַעֲקֹב, אויף דער בְּחִינָה וואָס ער איז געווען יַעֲקֹב, איז ער געבליבן [בחיים, שעל זה אמרו 'יעקב' אבינו לא מת].

אויף אַן אַנדערע בְּחִינָה איז ער געבליבן [חי לאחר הסתלקותו, ממה שהיה בחיים חיותו].

קמח

ולטעם זה גם כן אתי שפיר מה שהועמד הסתימה בפסוק זה

[ולדברי האלשיך מיושב גם כן מה שהעמיד הסתימה אצל **וַיְחִי יַעֲקֹב**, כי הפסוק וַיְחִי יַעֲקֹב נאמר גם על הזמן **שלאחר הסתלקותו**, מה שבחינת יעקב נשאר תמיד בחיים, ויעקב אבינו לא מת].

קמט

**ביאור החילוק שבין הקורא לאברהם אַבְרָם, והקורא ליעקב יַעֲקֹב**

בגמרא אמרו דהקורא לאברהם 'אברם' עובר בעשה, משא"כ ביעקב, לפי שחזר הכתוב וקראו בשם יעקב אף לאחר מכן

דער אֱמֶת, מיט דעם איז פאַרענטפערט וואָס זיי פרעגן אַלע די קַשְׁיָא [על מה שאמרו] כָּל הַקּוֹרֵא לְאַבְרָהָם אַבְרָם עובר בעשה [שנאמר והיה שמך אברהם], פרעגט די גמרא[פ], פאַרוואָס זאָג איך דאָס נישט ביי יַעֲקֹב [דכל הקורא ליעקב 'יַעֲקֹב' עובר בעשה]. ענטפערט די גמרא, שאני הָתָם דְּאַהַדְרֵיהּ קְרָא[פא], וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים לְיִשְׂרָאֵל בְּמַרְאֹת הַלַּיְלָה וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב יַעֲקֹב (ויגש מו, ב), דעמאָלטס ווען דער בורא כל עולמים האָט געהייסן גיין קיין מִצְרַיִם.

---

מיתה הוא סילוק הנפש מהגוף. ואומרה כי הנה הגדר הגדול אשר נתוסף על נפשו רוחו ונשמתו כשנקרא ישראל, הוא אשר נסתלק ממנו בעצם, ועל כן יצדק בו לשון מיתה, כי הבחינה ההיא מתה ונסתלקה מיעקב לגמרי. ועל כן כל המקום אשר יזכיר מיתה, בשם ישראל יכונה, אך בבחינת יעקב הוא הגדר אשר היה בו מתחלה לא נסתלק, רק גוע כמי שנתעלף, שעדיין כל כחות נפשו ורוחו ונשמתו דבקים בו בעצם. על כן ביעקב לא נאמר רק וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף, ולא כאמור ביצחק וַיִּגְוַע וַיָּמָת וַיֵּאָסֶף וכו'.

ועל כן הטיבו אשר דברו יעקב אבינו לא מת, שהוא על בחינת יעקב, בעת שהיה אבינו בהולידו את בניו שהוא טרם נקרא שמו ישראל, וכל אותו הכח נשאר שקוע בבשרו. כי גם שיתר צדיקים נקראים ישני עפר ולא מתים בעצם וכו', הנה כל אלה לא היה בם רק כח מה מהנפש, אך לא מרוח ונשמה, כי נסתלקו מהם. יתר עליהם יעקב, כי הכל היה בו כמדובר. ועל כן בישרו יתברך תעלה השכינה גם את גופו גם הוא, כי נשארים בו כל כחות נפשו אשר היו בו בחייו, ועל כן נשאוהו בקדושה על סדר הדגלים כנודע.

ועל כן לא הקשו לו מפסוקים שנזכר בם מיתה בישראל או גויעה ביעקב וכו', ולא הקשו רק וכי בכדי חנטו כו', לומר כי אחר שלא נסתלק ממנו כל כח נפשו ורוחו ונשמתו אשר היה בו מתחלה, אם כן בודאי שלא יסריח, שאינו כיתר בני אדם שהכל מסתלק, ומה בצע בחניטה, וגם מה צורך הספד וקבורה. על כן השיב מקרא אני דורש, לומר אילו היה לך קושיא מן המקרא שמא היית דוחה דרשתי זו מפניה, אך נהפוך הוא כי הנה מקרא אני דורש ולא אתה, כי אין אתה מקשה רק מה צורך היה בחניטה, כי הלא לא תדחה הדרשא מפני מה שטרחו לבלי צורך בדבר שלא ניכר להמון כי לא מת, ומה גם כי ידע כן יוסף והסתיר הדבר, ואדרבא חש פן יעשוהו אלוה אם יראו שבלי חניטה היה מתקיים ימים רבים, על כן צוה לחנוט את אביו. וראיית הכתוב מובהרת, כי לא יתכן יקיש הוא וזרעו שיושיעם ויהיו הם מארץ שביים ואת יעקב אחר תחיית המתים, כי אם שיהיו במציאות אחת מה זרעו בחיים כו'. ולא אמר מה זרעו חי אף הוא חי, כי אינו דומה הישן לניעור, אך ההיקש הוא מה זרעו בחיים כו', ולא אמר מה זרעו חי, כי כל חלקי נפשם בם, כן גם הוא כל חלקי נפשו בו כאמור, עם היותו בלתי נרגש לרואים. [ועיי"ש עוד באורך].

[פ] בגמרא ברכות (יג.): תני בר קפרא, כל הקורא לאברהם אַבְרָם עובר בעשה, שנאמר (לך יז, ה) וְהָיָה שִׁמְךָ אַבְרָהָם. רבי אליעזר אומר עובר בלאו שנאמר (שם) וְלֹא יִקָּרֵא עוֹד אֶת שִׁמְךָ אַבְרָם. אלא מעתה הקורא לשרה שרי הכי נמי, התם קודשא בריך הוא אמר לאברהם (שם, טו) שָׂרַי אִשְׁתְּךָ לֹא תִקְרָא אֶת שְׁמָהּ שָׂרָי כִּי שָׂרָה שְׁמָהּ. אלא מעתה הקורא ליעקב יַעֲקֹב הכי נמי, שאני התם דהדר אהדריה קרא, דכתיב וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים לְיִשְׂרָאֵל בְּמַרְאֹת הַלַּיְלָה וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב יַעֲקֹב. מתיב רבי יוסי בר אבין ואיתימא רבי יוסי בר זבידא, אַתָּה הוּא ה' הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ 'בְּאַבְרָם' (נחמי' ט, ז), אמר ליה התם נביא הוא דקא מסדר לשבחיה דרחמנא, מאי דהוה מעיקרא [פירש"י: מסדר שבחיה דמעיקרא, אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בו בהיות שמו אַבְרָם, וְשַׂמְתָּ שְׁמוֹ אַבְרָהָם].

[פא] שחזר הכתוב והזכיר שם 'יעקב', אף לאחר שניתוסף לו שם ישראל. מה שאין כן באברהם, דמעת שנשתנה שמו, שוב לא נזכר שם 'אברם' בפסוק.

KolSatmar.com

קנ

והקשו המפרשים דהא גופא טעמא בעי, למה אצל יעקב אהדריה קרא, מה שאין כן באברהם

[ועל תירוץ הגמרא] **פרעגט מען די קַשְׁיָא,** [דאכתי] **הָא גוּפָא קַשְׁיָא, פאַרוואָס דאָ** [ביי יעקב] **איז אַהַדְרֵיהּ קְרָא, און דאָרט** [ביי אברהם] **נישט.**

[און] **ס'איז דאָ אָן אַ שיעור תֵּירוּצִים אויף דעם, דער סמיכת חכמים**[פב] **זאָגט אפשר זיבעצן תירוצים.**

קנא

אמנם לדברי האלשיך מיושב קושייתם, דהוא לפי שבבחינת שם יעקב הוא חי גם לאחר הסתלקותו, ולכן היה בו צורך להשאר גם בבחינה זו אף לאחר שקרא שמו ישראל

**נאָר לְפִי זֶה קאָן מען זאָגן אַ פָּשׁוּט'ן תֵּירוּץ,** [ווייל] **יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת, ווי דער אלשיך הקדוש זאָגט, ער איז געבליבן** [בחיים].

**די מַעֲלָה פון יִשְׂרָאֵל איז געווען זייער גרויס. אַזוי שטייט אין זוהר הקדוש**[פג]**, כאָטש יַעֲקֹב איז אויך געווען גרויס, אָבער יִשְׂרָאֵל איז געווען גאָר גרויס.** [ומה שנאמר] **'וְיַעֲקֹב' אִישׁ תָּם,** [איז] **טאַקע שְׁלֵימוּת, אָבער דעס** [בחינת יִשְׂרָאֵל] **איז נאָך גרעסער.**

[ובחינת יִשְׂרָאֵל] **אַז ער איז געווען זייער גרויס, דעס איז נִסְתַּלֵּק געוואָרן, דעס איז נישט געבליבן אויף 'דעם' עוֹלָם. נאָר אַ בְּחִינָה פון יַעֲקֹב איז דאָ געבליבן, האָט מען דאָך געמוזט האָבן די בְּחִינָה פון יַעֲקֹב** [גם לאחר שקרא שמו יִשְׂרָאֵל, בכדי] **ס'זאָל זיין וואָס צו בלייבן.** [ולכן אהדריה קרא לשם יַעֲקֹב, והקורא ליעקב יעקב אינו עובר בעשה].

קנב

## ביאור דרשת הגמרא בענין יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת

בגמרא למדו הא דיעקב אבינו לא מת, ממה דכתיב וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים. ומזה ממש דיעקב אבינו הוא בחיים ממש גם עתה בזמן הגלות, וכמו שזרעו הם בחיים בארץ שביים

**יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת,** [כדכתיב] **וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם** (ירמי' ל, י)**, זאָגט די גמרא**[פד] **מקיש הוא לזרעו,** [מה זרעו בחיים אף הוא בחיים].

[און אַז ס'איז] **אַ הֶיקֵּשׁ,** [איז דאָך עס] **אֵין הֶיקֵּשׁ לְמֶחֱצָה** (כריתות כב:)**, מוז דאָך זיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געבליבן** [בחיים חיותו ממש] **בְּגָלוּת.**

קנג

וכן משמע ממה שדרשו במדרש בפסוק יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל, דלפי שהוא מצטער יותר בגלות לכן ישמח הוא יותר. דמשמע שהוא נמצא עם ישראל בגלות

**מ'זעט דאָך אין די מדרשים אויך אַזוי**[פה]**,** [אויפן פסוק] **יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל** (תהלים

---

[פב] **בסמיכת חכמים על מסכת ברכות** (סוף פרק ראשון). **עיי"ש באורך שמתרץ קושיא זו בכ"ב אופנים.**

[פג] **בזוהר הק' בפרשתן** (דף רכב.)**: וְהָכָא וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל וַדַּאי, בְּלָא כִּסּוּפָא, בִּשְׁלֵימוּתָא, בְּחֶדְוָותָא שְׁלִים. וּבְגִינֵי כַּךְ יְמֵי 'יִשְׂרָאֵל', דְּהֲוָה שְׁלִים יַתִּיר יִשְׂרָאֵל מִיַּעֲקֹב. וְאִי תֵּימָא, וְהָא כְּתִיב** (תולדות כה, כז) **וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם, שְׁלִים. שְׁלִים הֲוָה, וְלָא שְׁלִים בְּדַרְגָּא עִלָּאָה כְּיִשְׂרָאֵל.**

[פד] **בגמרא תענית** (ה:)**. ולשון הגמרא הועתק לעיל באות מ. ועיי"ש בהערות גם לשון רש"י בזה.**

[פה] **בפסיקתא רבתי** (פרשה מא)**: מִי יִתֵּן** [מִצִּיּוֹן וגו'] **יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל. לא היה צריך לומר אלא יגל 'אברהם יצחק ויעקב', 'וישמחו' ישראל. אלא למה יָגֵל יַעֲקֹב, לפי שיעקב מצטער כשישראל מצטערים וכשהם בצרה, לפיכך כשתבוא הגאולה לישראל הוא שמח עמהם. יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל, אימתי יגל יעקב, כשישמח ישראל. כשם שדרש ריש לקיש כשישראל חוטאים כאן יעקב לוקה במערת המכפלה, לפיכך כשתבוא הגאולה הוא שמח עמהם, יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל.**

**ובמדרש תהלים** (מזמור יד)**: יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל. יגל 'אברהם' ישמח 'יצחק' אין כתיב כאן, אלא יעקב. למה, לפי שיעקב שמח מכל האבות. אמר רבי שמעון בן לקיש, בשעה שישראל חוטאין מרגיש יעקב ממערת המכפלה, שנאמר** (הושע ה, ג) **כִּי עַתָּה הִזְנֵיתָ אֶפְרַיִם נִטְמָא יִשְׂרָאֵל. וכן לכשתבוא השמחה לישראל, שמח יעקב**

יד, ז), אַז יעקב שפירט מער דעם צַעַר [הגלות] פון אַלע אָבוֹת, און ס׳וועט זיין מער שִׂמְחָה ביי די גְאוּלָה [פאַר יעקב] ווייל ער איז ׳מיט׳ אין גָלוּת מיט אידן. [ומזה משמע גם כן שהוא נמצא בגלות עם ישראל יותר משאר האבות, והוא מתאים להיקש שדרשו בגמרא בפסוק] וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם [דכשם שזרעו הם בחיים בארץ שבים, כך יעקב הוא בחיים עמהם שם].

קנד

אויף ׳וואָס פאַר אַן אוֹפָן׳ ער איז מיט, דאָס פאַרשטיי מיר נישט, דאָס שטייט נישט[פו]. מִי יוֹדֵעַ, אפשר גאָר טאַקע בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ.

מִי יוֹדֵעַ, אַז מ׳העט גאָר געוואוסט [בחינתו ומקומו], אפשר העט מען גאָר געקאָנט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ! מ׳העט זיך גאָר געקאָנט בעטן! מ׳העט געקאָנט עפּעס זוֹכֶה זיין. נאָר ס׳איז דאָך אַ גרויסער הֶסְתֵּר.

קנה

ובזה יובן דברי הגמרא שם, דמקשה וְכִי בְּכְדִי חָנְטִי חֲנָטַיָּא, ומתרץ מקרא **אני דורש, וזרעך מארץ שביים**

איבערדעם זאָגט דאָך די גמרא [דאָס פאַר א תירוץ, אויף די קשיא פון] וְכִי בְּכְדִי חָנְטִי חֲנָטַיָּא, ווייל [ממקרא זה אני דורש שהיה הכנה להגאולה משעבוד הגלות, וכיון שיש בזה ענין של גאולה, לכן מובן כי] דאָס האָט געמוזט זיין בְּהֶסְתֵּר[פח] (וכדלהלן באות קנז).

קנו

## [קושיא כג]

והקשו המפרשים, דאינו מובן האיך מתורץ שאלתו במה שאמר מקרא אני דורש, דעדיין יש להקשות וְכִי בְּכְדִי חָנְטִי חֲנָטַיָּא

[דהנה] מ׳פרעגט טאַקע די קַשְׁיָא[פז], וואָס האָט ער געענטפערט מקרא אני דורש, אָבער די קשיא איז דאָך [ווייטער] קשה, וְכִי בְּכְדִי [חָנְטִי חֲנָטַיָּא].

[ורש״י פירש][פד] סבורין היו שמת, מ׳האָט געמיינט.

[אבל לפי זה הרי] עיקר [התירוץ] חסר מן הספר.

קנז

## ישוב קושיא כג

אמנם לדברי המדרש שלכן ישמח יותר לפי שהוא מצטער בגלות עמהם, מזה מוכח שיש בענין זה הכנה וצורך להגאולה, שעל ידי שיעקב עמנו לא מת, והוא נמצא בגלות, נזכה בזכותו להגאולה, וכל ענין של גאולה צריך להיות בסוד ובהסתר מפני המקטרג, ולכן כדי להסתיר הדבר חנטו חנטייא וספדו ספדייא

נאָר [לפי האמור אתי שפיר, כי] אַז ס׳איז געווען וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם [מה זרעו בחיים אף הוא בחיים], אַז ער איז אינאיינעם [מיט אידן אין גלות, ויש בזה הכנה להגאולה שלימה, ממילא שפיר מובן בזה כי] דאָס מוז זיין [מיט] אַ גרויסער הֶסְתֵּר. איבערדעם האָט מען דאָס געמוזט מאַכן די קונצן [של חנטת החונטים, בכדי] מ׳זאָל נישט וויסן [שהוא בחיים, כי אז היו מרגישים שטמון בזה הכנה להגאולה, אשר כל עניניה צריכין להיות בהסתר גדול, מפני הקטרוג][פח].

---

מכל האבות, לפי שהוא מזומן לסעודה, שנאמר (ישעי׳ מח, יב) שְׁמַע אֵלַי יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל מְקֹרָאִי, מהו מְקֹרָאִי, מזומני. כמה דאמר (שמואל א׳ ט, כב) וַיִּתֵּן לָהֶם מָקוֹם בְּרֹאשׁ הַקְּרוּאִים. [ועיין עוד **באיכה רבה** (ב, ז)]

[פו] ועיין **במהרש״א** (תענית שם, בתירוצו) מה דשקיל וטרי בזה.

[פז] **באלשיך המובא לעיל. וכן במהרש״א** (תענית שם) וז״ל: וכי בכדי ספדו ספדיא וכו׳. ופירש **רש״י למאי דמשני ואמר ליה מקרא אני דורש כו׳** [וז״ל] **ודחנטו חנטיא כו׳, נדמה להם שמת, אבל חי היה,** עכ״ל. **והענין דחוק, ועיקר שינויא חסר מן הספר.** [ועיי״ש תירוצו בזה].

[פח] רבינו קיצר בענין זה כאן. וכבר האריך בזה בס״ג ויחי תשכ״ה וז״ל שם: דער פסוק זאָגט [וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם, ודרשו] מה זרעך בחיים אף הוא בחיים, נו שטעלט אַראָפּ דער פסוק אַז ווען אידן וועלן דאַרפן אויסגעלייזט ווערן פון גָלוּת, דעמאָלטס וועט מען אַראָפּברענגען יעקב אבינו׳ן אין גָלוּת אַריין, ער וועט זיין בַּחַיִּים, און פאַר זיינע אויגן וועל מיר ניצול ווערן. מסתמא פעלט עס אויס [להגאולה], דאס איז דער כֹּחַ פון דער גְאוּלָה.

קצב

## ברכת הקודש

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:**
**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין** [צו] **מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.**
[און] **ביז דערווייל זאָל מיר זוֹכֶה זיין מ׳זאָל מיר דינען דעם באַשעפער.**
**מ׳זאָל מיר נאָך זוֹכֶה זיין צו תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.**

קצג

על כל פנים אַן ׳**הַתְחָלָה**׳ **פון תְּשׁוּבָה** [זאָל מען טון, וכמו שפירשתי בנוסח התפילה][פט] ׳**דֶּרֶךְ**׳ **תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ**[צ], **דער בורא כל עולמים האָט געוויזן אַז מ׳גייט אין ׳דֶּרֶךְ**

---

בעונותינו הרבים, מ׳קוקט זיך אָן מ׳איז אין אַ דוֹר יָתוֹם, מ׳קאָן זיך נישט העלפן, מ׳האָט זיך נישט וואו צו קערן און וואו צו ווענדן, מ׳איז אַזוי נידעריג בעוה״ר, מ׳דאַרף זיך אָנכאַפּן מ׳זאָל קאָנען נִתְקָרֵב ווערן צו הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. אָבער מ׳דאַרף צו וויסן, ס׳איז טאַקע אַ נידריג דוֹר, אָבער דער שפּיץ וועט זיין מ׳וועל מיר **האָבן יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ן צווישן אונז,** [און] **אפשר איז ער שוין דאָ ערגעץ, מ׳ווייסט נאָר נישט וואו ער איז. קען זיין אַז מ׳העט געוועזן אַן אֱמֶת׳דיגער ערליכער איד, העט מען געוואוסט וואו דאָס איז, העט מען זיך געהאַט פּאַר וועמען אויסצורעדן דאָס האַרץ.** מה זרעו בחיים אף הוא בחיים.

אַזאַ נֵס נִפְלָא, לכאורה איז א קשיא פאַרוואָס האָט מען געטון עפּעס אַזאַ גרויס נֵס [דחנטו חנטייא אף שהיה חי], ער האָט דאָך געקאָנט גיין אַליין וואו ער וויל, וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן מ׳זאָל מאַכן עפּעס אַזאַ מין אָנשטעל, [אַז ס׳איז] אף הוא בחיים. ○ נאָר וואָס׳זשע דען, פאַרוואָס איז ער בַּחַיִּים, [ווייל] אַז מ׳וועט קומען אין גלות, בכוחו וועלן אידן ניצול ווערן. [און] די אַלע זאַכן וואָס ס׳קער צו די גאולה, מוז זיין **בְּסוֹד גָּדוֹל, בְּהֶסְתֵּר גָּמוּר**, דאָס טאָר קיינער נישט וויסן, מ׳האָט נישט מְגַלֶּה געווען פאַר קיינעם, אַזוי איז געווען ביי דָוִד הַמֶּלֶךְ [און] די אַלע ענינים, מ׳האָט נישט געוואוסט פריער, אַזוי ווי ביי תָּמָר, מיט רוּת׳ן, די אַלע זאַכן ביז די לעצטע רגע האָט קיינער נישט געוואוסט, [רק היה] בסוד גדול, ס׳האָט געמוזט גיין אויף אַ באַהאַלטענעם דרך, [כדי] די סטרא אחרא זאָל נישט אינאַכט נעמען. [ואם לא היו עושים זאת בהסתר על ידי חניטת החונטים, און] פלוצים העט מען גיוועזן געזען אַז אַזאַ קְדוֹשָׁה [ווי יעקב] ער בלייבט אייביג לעבן, ער גייט אַוועק נאָר אויף א צייט, ער ווערט נסתלק, ער גייט אַריין אין די מערת המכפילה בחיים חיותו, [היו מרגישין בדבר להבין] וואָס איז דאָס עפּעס אַזוינס, העט מען געזען ס׳איז אַ הכנה [להגאולה שלימה], און די אַלע ענינים פון די גאולה [צריך להיות בסוד, ווייל] מ׳וויל נישט ס׳זאָל זיין א קטרוג, מ׳באַהאַלט עס פאַרן ס״מ און פאַר יעדן, פאַר אַלע שָׂרֵי מַעְלָה, דאָס האָט געמוזט זיין בְּסוֹד גָּדוֹל וְנוֹרָא, א געוואַלדיגער סוֹד. אַזוי ווי בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה האָט מען אויך געגעבן בְּסוֹד [ובחשאי, להסתיר] פאַרן שטן, שטייט אין די גמרא (סנהדרין כו:) [כדי] ער זאָל נישט מְקַטְרֵג זיין, און די אַלע ענינים פון די גְאוּלָּה [איז] ליבא לפומא לא גליא.

**דאָס קאָן זיין, ער האָט געזאָגט יעקב אבינו לא מת, האָט ער געפרעגט אַ קשיא וכי בכדי חנטו חנטייא,** ס׳איז דאָך קודשא בריך הוא לא עביד ניסא למגנא, ס׳איז דאָך נאָר אַ נס, חנטו חנטייא וכו׳, ער האָט געפרעגט די קשיא אַזאַ נס טוט מען נישט אומזיסט, וכי ׳בכדי׳ חנטו חנטייא, בחנם האָט מען אַזוינס געטון? האָט ער אים געענטפערט מקרא אני דורש, אַז דאָס איז פשוט דאָס איז געווען אַ הכנה אויפן שעבוד גליות אין די לעצטע דורות, זאָלסטו וויסן מה זרעו **בחיים אף הוא בחיים**, אַז דאָס איז געווען אויף דעם, און פאַר דעם וואָס מ׳ברויך האָבן צו די גאולה טוט מען אַלעס בסוד גדול, [ואפילו] מיט נסי נסים באַהאַלט מען. - **די ביטערע הסתרה איז** [אויך] **נסי נסים, דאָס אַליין אויך, וויאַזוי מ׳קאָן אַזוי מסתיר זיין. איינס פון די נפלאות הבורא ברוך הוא וברוך שמו, אַז מ׳קען אַזוי שטאַרק מַסְתִּיר זיין, וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי, דאָס קער צום ענין, צו דער הנהגה צום השתלשלות** [הגאולה, אַז] ס׳זאָל זיין אַזאַ גרויסער הֶסְתֵּר. דאָס גאַנצע ענין פון די גאולה, ביז מ׳וועט זיך דערזען, ביז הקב״ה וועט דערלייכטן די אויגן מ׳זאָל זען די גְאוּלָּה שְׁלֵימָה. - ממילא מיט דעם וואָס ער האָט אים געברענגט דעם דְרַשׁ פונעם פסוק [אף הוא בחיים], האָט ער מיט דעם פאַרענטפערט אַז דער **חנטו חנטייא** איז נישט געווען ׳בִּכְדִי׳, ס׳איז נישט געווען א ניסא למגנא. איז דאָס נישט אַן עקסטערע זאַך וואָס ס׳איז נישט מאותו ענין [וכקושיית מהרש״א כי] עיקר חסר מן הספר, [נאָר] דאָס איז טאַקע דער תירוץ.

[פט] באמירת תחנון, ובימי הסליחות: קֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם אַתָּה, וּבַעַל הָרַחֲמִים נִקְרֵאתָ, וְדֶרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ.

[צ] עיין בחינה זו בס״ג **ויחי תש״כ** (לשון קדשו קונטרס פג, אות לח-מ). וכן כתב רבינו פירוש זה **בויואל משה** (ב, מז) וז״ל: ובזה מבואר שאם עכ״פ יש לו איזה הרהור תשובה, אף שעדיין אין לו דעת אף להבין מה היא תשובה שלימה וחרטה באמת לאמיתו, מכל מקום יעסוק בתורה ומצות הרבה, וזה ישפיע עליו לעשות תשובה יותר. ○ וכעין זה אמרתי לפרש מה שאומרים **וְדֶרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ**, שלכאורה סגי לומר ׳תשובה׳ הורית, כי מזה אנו מדברים, ומה שהוסיף תיבת ׳דֶּרֶךְ׳ הוא לכאורה מיותר, גם אינו מובן הכוונה. ○ אלא נראה שאמר שאף שאין

KolSatmar.com

**תְּשׁוּבָה׳ איז אויך עפּעס, הגם ס׳איז נאָכנישט די תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מ׳איז נאָך ווייט דערפון,** [ועל זה מבקשין] **׳וְדֶרֶךְ׳ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ.**

קצר

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:**

**מ׳זאָל מיר גיין אין ׳דעם דֶּרֶךְ׳, אין דעם ׳דֶּרֶךְ׳ על כל פנים, וואָס אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה ברויך צו גֵיין.**

**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין אַז מ׳זאָל קאָנען דינען דעם באַשעפער בְּלֵב טָהוֹר.**

**מ׳זאָל מיר וויסן דעם דֶּרֶךְ הָאֱמֶת.**

**מ׳זאָל זיך נישט פּאָפּן, מ׳זאָל זיך נישט נאַרן.**

**בעונינו הרבים כֻּלָּנוּ כַּצֹּאן תָּעִינוּ!**

**אֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ!**

**מִי יוֹרֶה דֵּעָה וּמִי יָבִין שְׁמוּעָה!**

**מ׳האָט אונז געלאָזט אין אַזאַ ׳פינסטערניש׳!**

**ס׳איז געווען דערפריער צַדִּיקִים און קְדוֹשִׁים, ס׳איז געווען ׳ווער׳ ס׳זאָל דערלייכטן די אויגן, ס׳איז געווען ווער ס׳זאָל אַריינשיינען אין די הערצער, ווער ס׳זאָל זאָגן אַן אֱמֶת׳דיגן דֶּרֶךְ!**

[ועתה בעוה״ר] **מ׳האָב מיר זיך נישט פון וואו צו לערנען.**

**נאָר ׳ביים באַשעפער׳ קאָן מען זיך אויסבעטן, ביים אייבירשטען**[צא]**, ער זאָל אונז אַריינשיינען,** [און] **זאָל אונז לערנען דעם דֶּרֶךְ הָאֱמֶת!**

**הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זאָל אונז העלפן:**

**מ׳זאָל מיר נאָך די זְכִיָּה האָבן, מ׳זאָל מיר טון פאַרן ׳רְצוֹן הַבּוֹרֵא׳ בָּרוּךְ הוּא!**[צב]

**השם יתברך זאָל העלפן:**

**מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן מ׳זאָל מְתַקֵּן זיין וואָס מ׳האָט פּוֹגֵם געווען.**

**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין בִּמְהֵרָה** [צו] **מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּאַנְפִּין נְהִירִין, בְּנַחַת וּבְשִׂמְחָה.**

**מ׳זאָל מיר זען בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

---

בכחו לעשות תשובה שלימה, מקוצר דעתו והשגתו ומצב לבבו הסתום והאטום, מכל מקום הורה לנו הקב״ה לילך ׳בדרך׳ תשובה, שאם יש לו איזה הרהור תשובה, זהו ׳הדרך׳ שיוכל להביא אחר כך לידי תשובה שלימה. ○ ובאמת אם זוכה אחר כך לעשות תשובה כראוי, ואף אם ברגע אחרונה קודם מיתתו יבוא לידי תשובה אמיתית, יחזור הכל אל הקדושה.

[צא] ועיין **בשמות רבה** (א, ח): **וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא** (שמות א, ו) **וכו׳, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ. אף על פי שמת יוסף ואחיו, אלקיהם לא מת, אלא וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ.**

[צב] כאן הפסיק רבינו קצת רגעים מלהמשיך הדיבור מתוך גודל הבכיה, ובכה בקול מבלי שום דיבור, עד שהתאפק וסיים ההמשך, ובקול אחר. - והוא דבר שכמעט לא היה בנמצא אצל רבינו, כי תמיד המשיך לומר דיבורי תורה ותפילה אף בתוך גודל הבכיה. ואחת ידענו כיוצא בו (ואולי יש עוד מעט מזעיר) **בסעודת פורים תשי״ט** (לשון קדשו נה, אות לג). ולפלא שגם שם היה זה בעת שהתחנן להיות דבוק ולקיים ״רְצוֹן הַבּוֹרֵא״ ברוך הוא, ובכל פעם שהזכיר שם אחר כך מענין ״רְצוֹן הַבּוֹרֵא״ ב״ה שוב בכה מאוד בלשונות כאלו.

KolSatmar.com